בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

**שיחות התחזקות בעבודת השם**

**ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע**

**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער זצ"ל**

**מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים**

**~ אידיש ~**

קונטרס י"ד, פרשת בהעלותך - שלח, תשע"ח

# תוכן השיעור


**תיקוני 'הנסיעות'...**

**איר וועט זיך פאר מיר נישט פארבאהאלטן!**

**העכער פונעם ספר...**

**ר' יודל מ'דאשוב ז"ל**

**אוצר של יראת שמים**

**'באהאלטענע צדיקים'**

**ויתן על פניו מסוה**

**העלפן דעם צדיק**

**האידרא קדישא**

**ימין משה**

**א 'לייטער' צום גרויסן אור**

**שמי שנכתב בקדושה...**

**רבי שמעון – שבת לה' קודש**

**זיך נישט אפשיידן פונעם צדיק**

**א גוטער תירוץ!**

**ווי עפעס 'רעכט' האט ער פארכאפט...**

**נוסחאות התפלה**

**אזוי האט געזאגט דער נחל נובע מקור חכמה...**


להאזין אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**(+1)-641-715-3800** ואחר כך **#718920**

לשמוע השיעור המצו"ב יש להקיש **114**


©

כל הזכויות שמורות



**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל;**

יוסף מענדל האס

מאנסי, נוא יארק

**(+1) 845-200-0443**


**כמו כן ניתן להתקשר במספר הנ"ל כדי להשתתף בהוצאות הקונטרס כי רב היא וזכות הרבים תלויה בו**

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;

**Rlyb148@gmail.com**


מופץ ע"י ברסלב גלובל **Info@Breslevglobal.com**

# פרשת נשא, תשל"ד

## ובו ביאורים על תו' ל"ב תניינא

(טייפ מס' 38)

## תיקוני 'הנסיעות'...

(מספר מה שקרה בעת שהיה רבינו ז"ל פעם בעיר טעפליק באחת מנסיעותיו הנעלמות, והתחבא שם בעליית איזה בית) - - - 'רבי יצחק'[א], אין די צייטן פונעם רבי'ן, אינעם רבי'נס צייטן, ער האט געוואוינט אין טעפליק, איז ער ארויסגעגאנגען פון שטוב און געזאגט; ס'איז דא א גרויסער אור אין שטאט, איך גיי איהם זוכן! איז ער געגאנגען פון שטוב צו שטוב אין שטאט, און זיך אפגעשטעלט און געזאגט; אין דעם שטוב איז דא דער אור! און ער האט איהם (- רביז"ל) געפונען אויפ'ן בוידעם דארט, דער רבי איז געווען אויפ'ן בוידעם דארט.

- 'אין דעם שטוב איז דא דער אור'!

דער רבי איז דעמאלטס געווען אין טעפליק, ער האט זיך פארבאהאלטן אויפ'ן בוידעם.

דער רבי איז געווען אין אסאך ערטער, און האט זיך פארבאהאלטן, נאר די קשיא איז - אויב ער האט זיך פארבאהאלטן, וואס האט געהאט דער שטאט דערפון?! נאר - אז דער צדיק איז נאר געווען אין דעם שטאט - האט ער שוין ממתיק געווען!!! נאר ער האט זיך פארבאהאלטן.

---

[א] צדיק א' מתושבי טעפליק, בזמן רביז"ל, לא ידוע פרטים אודותיו. עי' שיח שרפי קודש ב' קפ"ז; פַּעַם, כְּשֶׁהָיָה רַבֵּנוּ בְּטֶעפְּלִיק בְּאַחַת מִנְּסִיעוֹתָיו הַנֶּעְלָמוֹת, שֶׁהָיָה מַסְתִּיר אֶת עַצְמוֹ בְּכָל מְקוֹם בּוֹאוֹ, וְלֹא יָדְעוּ מִמֶּנּוּ הַתּוֹשָׁבִים, אָמַר צַדִּיק גָּדוֹל אֶחָד מִתּוֹשָׁבֵי טֶעפְּלִיק, שֶׁשְּׁמוֹ הָיָה רַבִּי יִצְחָק, שֶׁהוּא מַרְגִּישׁ שֶׁיֵּשׁ בָּעִיר אוֹר גָּדוֹל וְקָדוֹשׁ, וְהִתְחִיל לָלֶכֶת מִבַּיִת לְבַיִת לְפִי הֶרְגֵּשׁוֹ, עַד שֶׁהִגִּיעַ לַבַּיִת שֶׁהִתְאַכְסֵן בּוֹ רַבֵּנוּ, וְאָמַר: "הִנֵּה כָּאן נִמְצָא הָאוֹר הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה" וְנִכְנַס פְּנִימָה וּפָגַשׁ בְּרַבֵּנוּ, כְּשֶׁהוּא מִתְחַבֵּא בַּעֲלִיַּת הַבַּיִת.

דער רבי האט געזאגט טאקע; "ווען די וועלט זאל וויסן מיט דער נסיעות וואס ער האט געמאכט דארטן, קיין נאווריטש, בראד, וואלטן זיי געקושט די טריט מיינע"![ב]

דער צדיק - ער איז געווען פארבאהאלטן, קיינער האט נישט געוואוסט, אבער די געוואלדיגע תיקונים וואס ס'האט זיך אפגעטוהן דורך דעם פארן, די געוואלדיגע המתקה וואס ס'איז געווארן דורך דעם פארן!

(השואל; מען ווייסט נישט ווער דער רבי יצחק איז געווען?) מען ווייסט יא! רבי יצחק פון טעפליק - - -

* * *

# איר וועט זיך פאר מיר נישט פארבאהאלטן!

(כאן מדבר מהרה"ק המגיד מטירהאוויצע זצ"ל[ג], לא נשמע ברור כ"כ, ועוד חזון למועד) - - - ער האט געזעהן דעם רבי'ן (- המגיד מטירהאוויצע), האט ער גלייך געזאגט דעם רבי'ן; "איר פארבאהאלט זיך (עי' להלן) - - "!

מען ווייסט נישט צו ער האט געזעהן אינמיטן וועג דעם רבי'ן, מען קען נישט וויסן וויאזוי ס'איז געווען, ער האט געזעהן דעם רבי'ן, דער רבי איז געווען א יונגערמאן דעמאלט'ס, צוויי און צוואנציג יאר בערך, ס'איז געווען פאר ארץ ישראל, צום מערסטן איז דער רבי אלט געווען זעקס און צוואנציג יאר - ווען ער איז געפארן אויף ארץ ישראל[ד], און אפאר יאר פריער (- איז דער מגיד מקורב געווארן).

---

[ב] עי' חיי מוהר"ן אות קכ"א, ואות קנ"ה.

[ג] (העתק מספר גידולי הנחל): הרה"ק רבי יקותיאל מגיד מישרים דטראוויצע זיע"א. תלמיד מובהק להרה"ק המגיד ממעזריטש וחבר נעוריו של הרה"ק ר' נחום מטשערנוביל, מצודתו היתה פרוסה על שמונים וארבע עיירות במרחבי אוקראינה, ויש אומרים כי עוד זכה לקבל פני קדוש ישראל מרן הבעש"ט, התקרב לרז"ל בשנת תקנ"ד בערך, בהיותו כבן שבעים שנה, ורבינו ז"ל היה אז עדיין אברך בן כ"ב שנים, ולמרות זאת היה קשור ודבוק ובטל לחלוטין לרביז"ל, וגם הרבה ממקורביו ומבני משפחתו נתקרבו על ידו לרביז"ל. רוב הנוסח של תפילות ראש השנה הוא משלו. נפטר בהיותו בן סמוך לתשעים שנה, כשנה לאחר הסתלקות רז"ל. ידוע שעוד הספיק להיות פעם אחת על ציון רז"ל ולומר שם את עשרת מזמורי התהלים.

[ד] עי' חיי מוהר"ן אות ק"ד שרבינו נולד בשנת תקל"ב, ונסיעתו לארץ ישראל היתה בשנת תקנ"ח, בהיותו בן כ"ו שנה.

(משוחחים שם בענין הסיפור שהיה בעת שחזר רבינו ז"ל מארץ ישראל, ונסע דרך עיר קאניבלאד, והמגיד מטירהאוויצע שהה אז שם, ושלח רביז"ל להודיע לו שיבוא אצלו, ורץ המגיד כנגדו במהירות נפלאה לקבל פניו, כמסופר באריכות בספר חיי מוהר"ן אות קמ"ט, עיי"ש).

**האט ער געזאגט צום רבי'ן** (המגיד מטירהאוויצע, בעת התקרבותו לרביז"ל, כנ"ל)**; איר פארבאהאלט זיך פאר די גאנצע וועלט, פאר מיר אוודאי, איר וועט זיך פאר מיר נישט פארבאהאלטן!!!**[ה]

*

(השואל; וואו איז דאס קאניבלאד?) **דאס איז לעבן שפאלע, יענע געגנט.** (השואל; דארטן האט דער רבי מודיע געווען פאר'ן טירהאוויצער מגיד אז ער געפונט זיך דארט?) **דארטן איז געווען זיינע תלמידים! דארטן איז געווען זיינער א תלמיד** (- של המגיד, ושלחו רביז"ל להודיע להמגיד שהוא נמצא כאן, כנ"ל מספר חיי מוהר"ן).

**ער האט געהאט גרויסע תלמידים! תלמידים האט ער געהאט גרויסע מענטשן - תלמידים!**

**ער איז געווען א מגיד, ארומגעפארן, ער האט אכטונג געגעבן! אין 'אומאן' איז אויך געווען זיין מגידות, ער פלעגט קומען קיין אומאן אויך!**

(השואל; וואס איז געווען זיין 'מגידות'?) **וואס ס'איז געווען אמאל א מגיד! ער האט אכטונג געגעבן אויף די שוחטים, אויף די רבנים, אלע תיקונים פונעם שטאט!**

(השואל; ער פלעגט זאגן דרשות אויכעט?) **ניין, ניין! ער פלעגט נישט זאגן קיין דרשות!** (השואל; אנדערע יא? דער רבי ר' מיכל זלאטושב'ער?) **ניין!** (השואל; ער איז אויך געווען אזא סארט בחינה 'מגיד'?) **יא!** (השואל; און דער קאזניצער מגיד?) **דער קאזניצער**

---

[ה] עי' הסיפור המלא בשיח שרפי קודש ו' נ"ד; בִּתְחִלַּת הִתְקָרְבוּתוֹ שֶׁל הָרַב הַמַּגִּיד מִטְּרָאוִיצֶע אֶל רַבֵּנוּ זַ"ל, שֶׁהִתְקָרֵב אֵלָיו עוֹד קֹדֶם נְסִיעָתוֹ לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שֶׁהָיָה אָז בְּגִיל לְמַעְלָה מִשִּׁבְעִים שָׁנָה, וְהָיָה צַדִּיק מְפֻרְסָם מְאֹד, וְהָיְתָה לוֹ גַּם מִשְׂרַת מַגִּידוּת עַל שְׁמוֹנִים כְּפָרִים וַעֲיָרוֹת, וְרַבֵּנוּ הָיָה אָז צָעִיר לְיָמִים, כְּבֶן עֶשְׂרִים וְכַמָּה שָׁנִים בִּלְבַד, הִתְגַּבְּרָה עָלָיו מֶחָמַת כֵּן הִתְנַגְּדוּת וּמְנִיעוֹת עַל הַדָּבָר, בְּאָמְרָם: רְאוּ נָא זָקֵן מֻפְלָג וְחָכָם כָּמוֹהוּ מִתְקָרֵב לְאַבְרֵךְ צָעִיר לְיָמִים שֶׁעֲדַיִן לֹא יָצָא טִבְעוֹ בָּעוֹלָם. וּכְשֶׁבָּא אֶל רַבֵּנוּ וְהֵשִׂיחַ אֶת אֲשֶׁר בִּלְבָבוֹ עַל הַדָּבָר, בֵּין דְּבָרָיו עָנָה וְאָמַר לְרַבֵּנוּ "אַתֶּם מַסְתִּירִים עַצְמְכֶם מִכָּל הָעוֹלָם וּמִמֶּנִּי בְּוַדַּאי, יוֹרִים בִּי וּפוֹצְעִים אוֹתִי, אֲבָל שֶׁיִּנָּקֵב כָּל גּוּפִי בִּירִיּוֹת, מֵהָאֱמֶת לֹא אֶסֹּג". "אִיר בַּאהַאלְט זִיךְ פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן פוּן מִיר אַ וַדַּאי, אִיר וֶועט זִיךְ פַאר מִיר נִישְׁט בַּאהַאלְטְן, מֶען שִׁיסְט מִיר אוּן מֶען רַאנִיט מִיר, צוּ שָׁאסְן זָאל אִיךְ וֶוערְן, פוּן דֶעם אֱמֶת וֶועל אִיךְ נִישְׁט אַוֶועקגֵיין"! וְאָז קָרָא לוֹ "רַבִּי".

מגיד איז נישט ארומגעפארן! דער מעזריטש'ער מגיד איז אויך נישט ארומגעפארן!

אבער די אלע וואס האבן געהאט דער נאמען פון 'מגיד', זיי האבן געהאט א השגחה אויף כמה שטעט, דארט ווי ס'איז געווען זייערע 'מגידות' האבן זיי שטארק אכטונג געגעבן, זיי פלעגן שיקן זייערע שליחים, זיי האבן שטארק אכטונג געגעבן אויף די שטעט, דאס איז געווען זייערע מגידות!

און דער טירהאוויצער מגיד איז אזוי געווען, ער פלעגט ארומפארן, ער פלעגט ארומפארן.

דער רבי האט נישט געהאלטן פון זיין פאָרן אויכעט[ו] - האב איך געהערט! נאר וואס דען - דער רבי האט געזאגט; דערווייל אז ער קומט אריין אין א שטאט אריין, איז 'שבת' - מען טוהט זיך אן בגדי שבת - און מען איז מהרהר בתשובה!

אז ער איז געקומען אין א שטאט אריין איז געווען 'בחינת שבת' - ווען ער איז געקומען, מען האט אנגעטוהן בגדי שבת, און מען האט פארמאכט די געשעפטן, האט דאס אריינגעבראכט הרהורי תשובה!

דער רבי האט נישט געהאלטן בכלל פון די נסיעות[ז] - אז דער רבי איז געפארן איז דאך אנדערש געווען (שהיה לו טעמים נסתרים בכל נסיעותיו, כמבואר לעיל) - ביי איהם (-המגיד מטירהאוויצע) איז געווען א אנדערע סארט נסיעה, ער איז ארומגעפארן, ער איז געווען א מנהיג אויף די רבנים, אויף די שוחטים, מיט אלע תיקונים פון די שטאט אכטונג געגעבן, ס'זאל נישט זיין קיין קלקולים. דאס איז געווען - - אזא סארט 'מגידות' איז דאס געווען.

*

און ווען דער טירהאוויצער מגיד איז געווען אין אומאן איז ער איינגעשטאנען ביי א גביר, דארטן איז געווען זיין אכסניא - ווען ער פלעגט קומען קיין אומאן.

אז דער רבי איז ארוים (וואוינען) קיין אומאן, איז ער איינגעשטאנען ביים רבי'ן! איז געקומען דער גביר צום רבי'ן, און האט געזאגט צום מגיד; איר זענט מְשַׁנֶה די

[ו] היינו אפילו מהמגידות של המגיד מטירהאוויצע, עי' שיש"ק ב' קפ"ב.

[ז] (עי' שיחות הר"ן אות מ"ז).

אכסניא?! זאגט ער איהם; דער רבי איז דאך דא! (ורוצה לשהות אצל רביז"ל! ענה לו הגביר בעזותו); נו זאלט איר שוין שטענדיג משנה זיין די אכסניא! - 'עשיר יענה עזות' - האט ער (המגיד) איהם געזאגט; "דו רעדסט ווי א חסר דעה"! און ער איז גלייך געווארן משוגע![ח]

ער (המגיד מטירהאוויצע) איז געווען א הויכער סארט מענטש! נישט נאר דערפון - מחמת פון די מופתים, נאר ער איז געווען א הויכער סארט מענטש!

ער איז געווען אסאך יארן באהאלטן! (אולי הכוונה על ימי צעירותו, קודם שהתנהג במגידות). דערנאך, אונזערע לייט פלעגן זאגן; אז ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן - איז שוין אראפ זיין נאמען! (לא נתפרסם שמו כל כך)[ט].

*

# העכער פונעם ספר...

'רבי יצחק' דער איידעם זיינער (חתן המגיד)[י], דער רבי ר' זושא (מהאניפאלי זצ"ל) האט איהם משדך געווען! דער רבי יצחק איז געווען א יתום, האט ער איהם מגדל געווען (היינו הרה"ק רבי זושא זי"ע גידל את רבי יצחק בביתו), 'המגדל יתום בתוך ביתו', נאכדעם האט זיך משדך געווען דער טירהאוויצער מגיד מיט'ן רבי ר' זושא, דער מגיד האט איהם גענומען פאר אן איידעם - דעם רבי יצחק.

(השואל; ער איז נאך מקורב געווארן אין זלאטיפאלע, ס'איז געווען באלד נאכ'ן רבי ר' זושא'ס הסתלקות?), יא! רבי זושא איז נסתלק געווארן תק"ס, דער רבי ר' אלימלך איז נסתלק געווארן תקמ"ז, און רבי זושא תק"ס, שפעטער מיט דרייצן יאר, און ער (- ר' יצחק) איז מקורב געווארן אין זלאטיפאלע (בעת שרביז"ל התגורר בזלאטיפאלע), אין די צייטן איז ער מקורב געווארן!

---

[ח] עי' שיש"ק ה' קל"ז.

[ט] עי' ענין זה בליקוטי הלכות ברכת הפירות ה' אות י"א, ועוד.

[י] ר' יצחק סגל מטירהאוויצע, חתן ר' יקותיאל המגיד מטירהאוויצע. נתגדל בביתו של הרבי ר' זושא. היה מגדולי תלמידי רביז"ל, למדן גדול בתורה ועסק בעבוה"ש כל ימיו. (מס' גדה"נ, עי' עוד אודותיו בס' כוכבי אור אנשי מוהר"ן אות כ"ד).

כל זמן דער רבי ר' זושא האט געלעבט, איז ער געפארן צום רבי'ן רבי זושא, ער האט געהאט א גוט'ן רבי - דער רבי ר' זושא! און נאכדעם איז א מעשה געווען - ער האט איהם געפרעגט צו וועם ער זאל זיך מקרב זיין[יא] - - -

*

(השואל; דער רבי האט זיך געטראפן מיטן רבי'ן ר' אלימלך, צו מיט'ן רבי ר' זושא?) דאס ווייסט מען נישט, מ'קען דאס נישט וויסן!

איך האב געהערט אין אומאן ביי אונזערע לייט - אז דער רבי האט גערעדט די ערשטע מעשה פון די 'אכט זקנים'[יב], פלעגט מען זאגן, אז דער רבי ר' אלימלך איז איינער פון די אכט זקנים - פון די 'בעלי זכרונות'! ווער, וואס, ווייסט מען נישט! ער איז געווען איינער פון די אכט זקנים, פון די אכט פרשיות פון תפילין![יג]

און דער רבי האט געזאגט אויפ'ן רבי'ן ר' אלימלך אז "ער איז העכער פונעם ספר"![יד] דער 'נועם אלימלך' איז אזויפיל גרויס - ס'איז דאך א געוואלד! דער נועם אלימלך איז דאך א געוואלד! (אבער) "ער איז נאך העכער פונעם ספר"!

ס'איז דא צדיקים וואס זיי מאכן א ספר, און זיי שטעלן אריין אינעם ספר הויכע מדריגות, אבער 'ער' האלט נישט דערביי, דאס הייסט דער ספר איז העכער פון איהם! און ס'איז דא אזעלכע צדיקים וואס די ספר איז גלייך מיט איהם - ביי וואס ער האלט! און ס'איז דא אזעלכע צדיקים - וואס ער איז נאך 'העכער' פונעם ספר! וויפיל ער שטעלט אריין אינעם ספר - איז ער נאך העכער!

---

[יא] המשך הסיפור מבואר בס' כוכבי אור אנשי מוהר"ן אות כ"ד, וז"ל; רַבִּי יִצְחָק חֲתַן הַמַּגִּיד זַ"ל - נִתְגַּדֵּל בְּבֵית הצים"ע הָרַב רבי זוּסְיָא זצ"ל, וְקֹדֶם פְּטִירַת הַצַּדִּיק וְהַטָּהוֹר הַנַּ"ל שָׁאַל אוֹתוֹ לְאֵיזֶה צַדִּיק אֶתְקָרֵב, וְהֵשִׁיב לוֹ לְזֶה הַצַּדִּיק שֶׁיַּעֲסֹק בְּוִדּוּי דְּבָרִים, הַיְנוּ שֶׁיְּצַוֶּה לִמְקֹרָבָיו שֶׁיִּתְוַדּוּ לְפָנָיו וְיִתֵּן לָהֶם תִּקּוּנִים עַל כָּל דָּבָר, וּכְשֶׁנִּכְנַס בְּפַעַם רִאשׁוֹנָה לְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ וְרָאָה שֶׁאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ יוֹצְאִים וְדִמְעָתָם עַל לֶחְיָם מֵהַוִּדּוּי דְּבָרִים (עי' ליקו"מ תו' ד') ... וְהִתְחִיל לְהִתְוַדּוֹת לְפָנָיו כָּל לִבּוֹ, וְרַבֵּנוּ זַ"ל דִּבֵּר עִמּוֹ מַה שֶּׁדִּבֵּר, וּמֵאָז נִתְקָרֵב אֶל רַבֵּנוּ זַ"ל בְּהִתְקָרְבוּת עָצוּם וְנִפְלָא ...

[יב] ספר סיפורי מעשיות, מעשה י"ג יום א'.

[יג] עפ"י ליקוטי הלכות הל' תפילין ה'.

[יד] חיי מוהר"ן אות תקנ"ג.

דער רבי האט געזאגט אויפ'ן 'נועם אלימלך'; ער איז נאך העכער פונעם ספר! איז דאך געוואלדיג, אזעלכע גדולות'ן האט דער רבי געזאגט אויפן רבי'ן ר' אלימלך!

*

(השואל; אויף רב ייב"י איז דא פון רבי'ן עפעס? ואחד מהנוכחים מזכיר; עס איז דא א מעשה וואס דער רבי פארציילט בשם רב ייב"י, פונעם חתן וואס איז געווען 'נע ונד' דריי הונדערט יאר, אין חיי מוהר"ן, וואס דער מעשה איז געווען שטייט נישט - -)[טו]

רב ייב"י איז געווען זייער גרויס, ער איז געווען א תלמיד ביים פולנאה רב (התולדות זצ"ל), דער 'תולדות' האט געהייסן רבי יעקב יוסף, און ער האט אויכעט געהייסן רבי יעקב יוסף, ער האט זיך נישט געוואלט רופן אויפ'ן נאמען (של רבו), האט מען איהם גערופן 'ייב"י', נישט דעם נאמען פונעם רבי'ן.

דער 'יוד הקדוש' פארוואס האט ער געהייסן 'יוד הקדוש'? ווייל זיין רבי דער 'חוזה' האט געהייסן רבי יעקב יצחק (שזה היה גם שמו של היוד הקדוש), איין נאמען מיטן חוזה, ער האט נישט געוואלט מען זאל איהם רופן אויפ'ן נאמען פונעם רבי'ן, האט ער זיך גערופן א 'יוד'! א 'יוד'! נאר דער וועלט זאגט א 'יוד הקדוש'!

ער האט געזאגט אז מען זאל איהם רופן 'דער יוד', דער יוד הקדוש האט געזאגט מען זאל איהם רופן 'דער יוד', א איד איז ער דאך! דער 'וועלט' זאגט א 'יוד הקדוש', א 'הייליגער יוד'!

ער איז זייער גרויס געווען, עס איז געווען זאכן, ער האט אנגעהויבן דאווענען שפעט, אנדערע זאכן - - -

*

**דער רבי האט געזאגט אז; "דער וועלט זאגט אז א 'צדיק' קען נישט האבן אין זיך קיין חסרון** (- רצ"ל 'טעות'), (אויב) **האט ער אין זיך א חסרון איז ער 'אוים צדיק',**

---

[טו] עי' חיי מוהר"ן אות תפ"ח: כַּף קֶלַע בְּגִימַטְרִיָּא שִׁין שָׁנָה שֶׁהָיָה הֶחָתָן נָע וָנָד. וְיֵשׁ בָּזֶה מַעֲשֶׂה מֵעִנְיַן הֶחָתָן שֶׁכְּשֶׁיָּצָא מִבֵּית הַחֻפָּה נִתְעָה מִבַּיִת לְבַיִת וּמֵעִיר לְעִיר וְכוּ'. וְשָׁמַעְתִּי שֶׁמַּעֲשֶׂה זֹאת סִפְּרָהּ בְּשֵׁם הַצַּדִּיקִים הַזְּקֵנִים, כִּמְדֻמֶּה שֶׁסִּפְּרָהּ בְּשֵׁם הָרַב הַקָּדוֹשׁ מוֹרֵנוּ הָרַב יַעֲקֹב יוֹסֵף זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מַגִּיד־מֵישָׁרִים דִּקְהִלַּת קֹדֶשׁ אוֹסְטְרָא.

(אבער) **איך זאג - א צדיק קען האבן א חסרון,** (און אויב) **האט ער א חסרון - ווערט ער נישט אוים צדיק"! ער ווערט נישט אוים צדיק!!!**[טז]

די וועלט האלט זייער פון דעם ווארט - גרוים, פון דעם ווארט פונעם רבי'ן! דער ווארט פארענטפערט אסאך קשיות! מען מיינט מען זעהט עפעס א חסרון אין א צדיק - -

מען געפונט אפילו אין חז"ל אויך, אין די נביאים הקדושים - א חסרון - - א מדרש איז דא, דער אויבערשטער האט אזוי געזאגט; ווען איך זאל וועלן מדקדק זיין אויף אלעמען - האבן די אבות פאר מיר אויך נישט יוצא געווען! יעקב האט נישט יוצא געווען פאר מיר, נישט יצחק, מיט אברהם, מיט משה, זיי האבן אלע נישט יוצא געווען, נאר איך בין נישט מדקדק! איך זאל וועלן מדקדק זיין וואלט קיינער מיר נישט יוצא געווען!

* * *

# ר' יודל מ'דאשוב ז"ל

דאס גרויסקייט פונעם רבי'ן, וואס מען זעהט ארוים אזעלכע זאכענישן, האלב צדיקים זענען געווארן מקורב צום רבי'ן! עפעס א קליינינגקייט?! ר' פנחס קאריצ'ער האט דער רבי אויף איהם געזאגט; **ער איז געווען א שטיק צייט א 'חד בדרא'!**[יז] און רבי יודל[יח] איז געווען א תלמיד ביי איהם, און איז געווען אן אידעם ביי ביי רבי לייבל'ע טראסטינעצ'ער[יט], געוואלד וואס ער איז געווען! רבי יודל איז נישט געווען סתם א מענטש, ער איז געווען א 'הימל איד'!

[טז] עי' שיש"ק ב' מ"ו. ועי' גם חיי מוהר"ן אות תפ"ז.

[יז] חיי מוהר"ן אות תקנ"ג.

[יח] ר' יודל מדאשיב, חתנו של הרה"ק ר' לייבלע מסטראסטניץ, וממקורביו של הרה"ק ר' פנחס מקאריץ. נתקרב לרביז"ל יחד עם ר' שמואל אייזיק בשנים תק"נ-תקנ"ט כשרביז"ל דר במעדוועדיווקע, ועקר דירתו מדאשיב למעדוועדיווקע כדי להיות סמוך לרביז"ל, שימש כרב דקהילת מעדוועדיווקע. נפטר בשנת תקצ"ח. (מתוך ספר גידולי הנחל).

[יט] עי' אודותיו בחיי מוהר"ן אות תרי"א.

ער איז געווען א 'תלמיד'! ער האט אויפגעכאפט די טיפע זאכן וואס עס געפונט זיך ביים רבי'ן, נישט ארייגניין רעדן - שרייען און אוועקגיין, ער האט געזעהן דאס 'טיפקייט' וואס ס'איז דא ביים רבי'ן!

ער איז געווען ביי זיין שווער, האט ער געזעהן ווער זיין שווער איז, און ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן!

אוודאי, ר' פנחס קאריצ'ער, עפעס א קליינינגקייט?! א תלמיד ביים בעל שם הקדוש איז ער נאך געווען! א געוואלדיגע גרויסקייט! און ער (ר' יודל) איז מקורב געווארן צו א יונגערמאן!

און אזוי ווערן מקורב - אז ער זאל אוועקלאזן זיין שטאט און זיך באזעצט אין איין שטאט מיטן רבי'ן! (אין דאשוב איז ער געווען) א שטיקל מפורסם - - אלץ אוועקגעווארפן!

דאס איז פון די גרויסע התפעלות'ן! א גרויסע געוואלדיגע התפעלות איז דאס געווען! האבן זיי דאך עפעס דערזעהן!!!

*

# אוצר של יראת שמים

מען זעהט דאך אז דער רבי איז געווען א באהאלטענער מאן, מען האט איהם געדארפט זוכן[כ], אז מען האט געזוכט האט מען געפונען! אז מען זוכט געפונט מען!

"פארוואס זוכט עטץ מיר נישט"?![כא] דער רבי האט געגעבן אנצוהערן אז מען דארף איהם זוכן, מען דארף איהם זוכן! און עס איז געווען אזעלכע וואס האבן געזוכט און האבן טאקע געפונען! זיי האבן געזוכט האבן זיי געפונען - זיי האבן געפונען דעם רבי'ן!

*

[כ] עי' חיי מוהר"ן אות רצ"ד, ולקוטי הלכות הל' שלוחין הלכה ה' אות ו', ועוד.

[כא] חיי מוהר"ן אות רצ"ה; שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר אִלּוּ הָיִינוּ רוֹאִין אוֹצָר הָיִינוּ רָצִים בְּוַדַּאי אֵלָיו וְהָיִינוּ חוֹפְרִים וּמְלַכְלְכִים עַצְמֵנוּ בְּרֶפֶשׁ וָטִיט בִּשְׁבִיל לַחְתֹּר אַחֲרָיו וּלְמָצְאוֹ, וַהֲלֹא אֲנִי אוֹצָר שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם וּמַדּוּעַ לֹא יִהְיוּ לְהוּטִים וְרָצִים אַחֲרַי לְקַבְּלוֹ. וְשָׁאֲלוּ אוֹתוֹ אֵיךְ אֶפְשָׁר לְקַבֵּל וְהֵשִׁיב עִם הַפֶּה וְהַלֵּב צְרִיכִין לַחְתֹּר וּלְבַקֵּשׁ (מִיטְן פִּיסְק אוּן מִיטְן הַארְץ) בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשׂוֹתוֹ.

"רבי אברהם ר' נחמנ'ס" האט געזוכט, און האט איהם געפונען! ער האט איהם געפונען! און די וואס האבן געפונען, זיי - - געפונען דעם אור - מען קען זיך נישט קילן מיט קיין טאג, מיט קיין נאכט, מיט קיין יאר, מען זוכט!!![כב] אז מ'הייבט אן צו זוכן - הערט מען דאך נישט אויף צו זוכן! מען הייבט אן צו זוכן, און מען זעהט אז מ'געפונט - הערט מען דאך נישט אויף צו זוכן!!

אז איך געפון א 'אוצר', און איך זעה אז ס'איז דא דארט 'נאך א אוצר', וועל איך אויפהערן זוכן?! דאס איז די גרויסקייט פון די ענין פון חיפוש - פון רצון, אז איך פיהל עפעס א ריח - גיי איך נאכ'ן ריח!

רבי אברהם ר' נחמנ'ס, אין די יונגע יארן, בימי חורפו, אז ער האט עפעס געפונען א אור פונעם רבי'ן איז נישט שייך געווען - דער מענטש האט געמוזט זיין א גאנצע וואך 'חוץ לישוב' צענדליגער יארן! דער אור פונעם רבי'ן איז געווען אין איהם אזוי פיל גרוים, ער האט נישט געקענט בשום אופן זיין אין דעם ישוב! איז ער געווען חוץ לישוב צענדליגער יארן!!!

ער האט זיך נישט געקענט באגעגנען זיך אז ער זאל זיך קענען עפעס מיישב זיין און האבן עפעס א הבנה - עפעס א השגה - אין דעם אור, סיידן אז ער איז אויסער דער וועלט - דעמאלטס האט ער געקענט!!

איז נישט שייך געווען אז מען זאל איהם זאגן 'ניין', אז דער אור - ער זוכט איהם און אלעמאל געפונט ער, און ער ווייסט אז דער אור איז גרעסער און גרעסער - ממש א בחינת 'אור אין סוף', איז דאך נישט שייך אז ער זאל זיך אפשטעלן!!![כג]

---

[כב] עי' לקוטי הלכות הל' שלוחין הלכה ה' אות ו'; ... כִּי מִמָּה נַפְשָׁךְ, אִם לֹא מְצָאוֹ עֲדַיִן כְּלָל, בְּוַדַּאי הוּא צָרִיךְ לֵילֵךְ עַל יָדָיו וְעַל רַגְלָיו, לְבַקְּשׁוֹ וּלְחַפְּשׂוֹ בְּכָל כֹּחוֹ בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ מִקָּצֶה וְעַד קָצֶה, כָּל יָמָיו אֲשֶׁר הוּא חַי עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה, אוּלַי יוּכַל לִמְצֹא חַיֵּי נַפְשׁוֹ לָנֶצַח, עַל כָּל פָּנִים יוֹם אֶחָד אוֹ שָׁעָה אַחַת לִפְנֵי מוֹתוֹ. וְאִם כְּבָר נִדְמֶה לוֹ שֶׁמָּצָא אֶת הַצַּדִּיק הָאֱמֶת, בְּוַדַּאי זֶה צָרִיךְ לְבַקֵּשׁ וּלְחַפֵּשׂ עוֹד יוֹתֵר וְיוֹתֵר, כִּי יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהוּא יוֹשֵׁב אֵצֶל הַצַּדִּיק וַעֲדַיִן אוֹרוֹ חָשׁוּךְ אֶצְלוֹ וְאֵינוֹ מַרְגִּישׁ נְעִימוּת אֲמִתַּת עֲצוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים וְכוּ'.

[כג] מתוך לקוטי הלכות הל' שלוחין ה' אות ט"ז; ... הַכְּלָל, שֶׁצְּרִיכִין לְבַקֵּשׁ וּלְחַפֵּשׂ מְאֹד מְאֹד אֶת הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁיֵּשׁ לוֹ בְּחִינַת רוּחַ הַקֹּדֶשׁ ... וְזֶה "עַל מִשְׁכָּבִי בַּלֵּילוֹת בִּקַּשְׁתִּי אֵת שֶׁאָהֲבָה נַפְשִׁי בִּקַּשְׁתִּיו וְלֹא מְצָאתִיו" ... 'בִּקַּשְׁתִּי אֵת שֶׁאָהֲבָה נַפְשִׁי', זֶה הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁהוּא בְּחִינַת מֹשֶׁה, וּכְמוֹ שֶׁאִיתָא בַּמִּדְרָשׁ עַל פָּסוּק זֶה 'אֵת שֶׁאָהֲבָה נַפְשִׁי' - 'זֶה מֹשֶׁה'. "בִּקַּשְׁתִּיו וְלֹא מְצָאתִיו", כִּי לֹא בִּמְהֵרָה זוֹכִין לִמְצֹא אוֹתוֹ, כִּי צְרִיכִין יְגִיעוֹת הַרְבֵּה וּזְמַן זְמַנִּים הַרְבֵּה עַד שֶׁמּוֹצְאִין אוֹתוֹ וְאֶת הָרוּחַ הַקֹּדֶשׁ שֶׁלּוֹ וְכַנַּ"ל. "אָקוּמָה נָּא וַאֲסוֹבְבָה בָעִיר בַּשְּׁוָקִים וּבָרְחֹבוֹת", וְאִיתָא בַּמִּדְרָשׁ שָׁם, בַּכְּרַכִּים וּבַמְּדִינוֹת, "אֲבַקְשָׁה אֵת שֶׁאָהֲבָה נַפְשִׁי" זֶה מֹשֶׁה, "בִּקַּשְׁתִּיו

*

איך האב געקענט אידן וואס זענען געווען עלטער פון רבי אברהם ר' נחמנ'ס, און זיי האבן איהם געקענט, זיי האבן איהם געקענט בימי חורפו - - רבי אברהם ר' נחמנ'ס איז געבוירן געווארן תר"ט - - און זיי זענען געווען כרוך נאך איהם, און זענען געווען עלטער פון איהם! יא, יא, עלטער פון איהם!! זיי האבן איהם 'דערקענט', רבי אברהם ר' נחמנ'ס איז געווען א יונגערמאן, א יונגערמאן!

ר' אברהם ר' נחמנ'ס - בשעת 'רבי נפתלי' האט נאך געלעבט, איז ער שוין געווען א חידוש! רבי נפתלי איז נפטר געווארן תר"כ, איז רבי אברהם ר' נחמנ'ס אלט געווען עלעף יאר, איז ער שוין געווען א חידוש דעמאלטס - ער האט שוין געהאט א געפיהל אין רבי נפתלי! ער האט שוין געוואוסט ווער רבי נפתלי איז!

איז דאך רעכט אז למשל ביי די למ"ד יארן, עטליכע און צוואנציג יאר, דעמאלטס איז ער געווען בימי חורפו - - איך האב גערעדט מיט מענטשן, זאגן זיי מיר; מען קען גאר נישט משער זיין דאס מענטשן - וואס פאר א יוגנט ער האט געהאט! מען קען גארנישט ארויסרעדן וואס פאר א יוגנט ער האט געהאט! מען האט גארנישט געקענט רעדן צו איהם, האט ער געברענט און געפלאקערט! געוואלדיג געווען!

ער איז אוועק חוץ לישוב, ער האט נישט געקענט זיין אין ישוב בשום אופן נישט, ער האט זיך נישט געקענט מצמצם זיין דער אור פונעם רבי'ן, ער האט נישט געהאט מיט זיך נאך איינער אז ער זאל קענען מיט איהם אזויפיל צושפרייטן דעם אור - האט ער נישט געהאט! ער איז געווען איינער! האט ער געמוזט זיין אפגעטיילט פונעם ישוב, און זוכן, זוכן, זוכן, זוכן! מען קען גאר נישט משער זיין, זיין גרויסקייט פון רבי אברהם ר' נחמנ'ס!!!

*

(השואל; ווי האט ער געקענט אזויפיל הערן, אז ער איז געווען משבת לשבת אין פעלד?) ער איז דאך געווען אויף שבת, און יום טוב, און ראש השנה! דעמאלטס איז געווען

---

וְלֹא מְצָאתִיו". כִּי צְרִיכִין לְבַקְּשׁוֹ וּלְחַפְּשׂוֹ מְאֹד מְאֹד בָּעִיר וּבַשְּׁוָקִים וּבָרְחוֹבוֹת בַּכְּרַכִּים וּבַמְּדִינוֹת ... אֲבָל אַף עַל פִּי שֶׁבִּקַּשְׁתִּיו כָּל כָּךְ, אַף עַל פִּי כֵן בִּקַּשְׁתִּיו וְלֹא מְצָאתִיו ... אֲבָל בְּחֶמְלַת ה' לֹא עֲזָבַנִי וְתָמַךְ בְּיָדִי לִבְלִי לַעֲבֹר וּלְהִתְרַחֵק מֵהֶם עַד שֶׁמָּצָאתִי אֵת שֶׁאָהֲבָה נַפְשִׁי, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַצַּדִּיק הַנַּ"ל... עיי"ש.

אזוי, דער עיקר רעדן - צונויפקומען - (איז געווען) שבת, יום טוב, ראש השנה! דער צייט האט ער אפגעהיט, און נאך א זאך - ער האט געהאט א געוואלדיגן זכרון, אז דער מוח איז א הייליגער מוח, איז נישט שייך ביים איהם קיין שכחה!

דער רבי זאגט טאקע אין תורה ז׳[כד], שכחה איז נאר שייך דארטן וואו ס׳איז דא טבע, ׳טבע׳ איז דאך אין ׳זמן׳, אבער דארט ווי ס׳איז אמונה - למעלה מן הטבע איז נישט שייך קיין שכחה, למעלה מן הזמן איז נישט שייך קיין שכחה!

*

(השואל; ער פלעגט דאך מאכן נסיעות אסאך, בימי חורפו האט ער אויך געמאכט נסיעות?)
מ׳קען נישט וויסן!

ווען דער פאטער זיינער איז נפטר געווארן (ר׳ נחמן טולטשינער ז״ל, בשנת תרמ״ד), איז ער אלט געווען פינף און דרייסיג יאר, דעמאלטס האט ער זיך שוין מצמצם געווען, דעמאלטס האט ער שוין אנגעהויבן מצמצם זיין זיך. אפילו בחייו פונעם טאט׳ן - ער האט חרטה געהאט, ווען ער וואלט ווען געוואוסט דעם טאטן׳ס גרויסקייט וואלט ער ווען פארבראכט מיטן טאט׳ן מערער[כה], האט ער חרטה געהאט פארוואס ער איז געווען אין די וועלדער - - אזוי ווי רבי נתן האט חרטה געהאט אויף די תורה ותפילה, אז ער האט געדארפט זיין מער מיטן רבי׳ן.[כו]

נאכדעם האט ער דערקענט אזוי דעם טאטן׳ס גרויסקייט, האט ער חרטה געהאט אז ער האט געדארפט מער פארבראכן מיטן טאט׳ן, און ער איז געווען אין די וועלדער, אין די וועלדער, אבער ער האט מקבל געווען - ער האט מקבל געווען פונעם טאט׳ן! ער האט געהאט א גוטן געפיהל אינעם טאט׳ן, ער האט געוואוסט ווער דער טאטע זיינע איז - דער געוואלדיגע גרויסקייט פון זיין טאט׳ן!!

[כד] בהשמטות שבסוף התורה.

[כה] עי׳ כוכבי אור שיחות וסיפורים אות מ״ד, ומ״ז; נִתְעוֹרַרְתִּי לְהַכִּיר וּלְהִתְבּוֹנֵן בִּגְדֻלַּת אָבִי הָרַב רבי נַחְמָן ז״ל מִטֻּאלְטְשִׁין, כִּי הוּא אֲשֶׁר אָמַר עָלָיו מוֹהֲרַנַ״ת זַ״ל בזה״ל, אֲנִי מֵכִין אֶת הַכֹּל עִם הָעֵט, וְאַחַר־כָּךְ יִהְיֶה יְכֹלֶת גַּם לְר׳ נַחְמָן מִטֻּאלְטְשִׁין לְהַנְהִיג וכו׳ ... וְאִם הָיִיתִי זוֹכֶה בִּימֵי חַיָּיו הַקְּדוֹשִׁים לְהַכִּיר וְלֵידַע כָּל־כָּךְ מַחֲשִׁיבוּתוֹ וּמַעֲלָתוֹ, כַּאֲשֶׁר שַׂמְתִּי אֶל לְבָבִי זֶה עֵרֶךְ שְׁלֹשָׁה שָׁנִים, יוֹדֵעַ אֲנִי בָּרוּר שֶׁלֹּא הָיוּ עוֹבְרִים עָלַי הַתְּלָאוֹת הַמְשֻׁנּוֹת וכו׳... עיי״ש.

[כו] עי׳ שיש״ק ב׳ תרי״ג.

(השואל; ער פלעגט רעדן אסאך פון זיין טאטן?) יא! ער פלעגט אסאך רעדן פון זיין פאטער! ער האט נישט גערעדט פון די זאך וואס ער האט חרטה געהאט, נאר ער האט גערעדט פונעם טאטן׳ס גרויסקייט.

*

איך רעד אמאל אסאך פון רבי אברהם ר׳ נחמן׳ס, ער איז געווען א הויכער סארט מענטש, א הויכער סארט מענטש - וואס ממש מען קען איהם נישט ארייננעמען אין א גבול אריין!

ער האט געהאט עפעס א געוואלדיגער - - א גרויסער קדוש איז ער געווען, זיין קדושה איז געווען געוואלדיג! און א גרויסער בעל מוח, מיט א שארפן קאפ אין לערנען, גוט געלערנט, שארף געלערנט! און צו דעם איז געווען דער רבי׳נס זאך!!

אז די (זאכן) נעמט זיך צונויף; א הייליגער מענטש איז ער מרחם אמו, א קדוש מרחם אמו געווען, און א מוח האט ער א גוטן שארפן מוח, און לייגט דאס ארייין אין רבי׳נס זאך, שפילט ער! שפילט עס, שפילט עס, שפילט עס.[כז]

* * *

# ׳באהאלטענע צדיקים׳

(לומד מתוך ליקוטי מוהר״ן תו׳ ל״ב תניינא) זאגט דער רבי[כח]; ׳יש צדיקים גנוזים׳ - ס׳איז דא פארבאהאלטענע צדיקים, ׳און זיי ווייסן פנים׳ אין די תורה׳ - ס׳איז דא ״ע׳

---

[כז] ע׳ בספרו כוכבי אור מאמר אמת ואמונה אות י״ד שבתוך דבריו מתבטא על עצמו ברוב ענוותנותו בזה״ל; ... כִּי בְּכֹחוֹ וְעַנְוְתָנוּתוֹ שֶׁל אַדְמוֹ״ר זַ״ל, גַּם אֲנִי נִשְׁעַנְתִּי לְהַכְנִים אֶת רָאשֵׁי בְּדִבְרֵי תּוֹרוֹתָיו וְשִׂיחוֹתָיו וּמַעֲשִׂיּוֹתָיו הַקְּדוֹשׁוֹת כִּי בְּנִשְׂגָּבוֹת נוֹרָאוֹת רוֹמְמוּתוֹ שֶׁל אַדְמוֹ״ר זַ״ל, וּבְכֹחַ תַּלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ אֲשֶׁר גְּדוֹלִים צַדִּיקִים בְּמִיתָתָם יוֹתֵר מִבְּחַיֵּיהֶם (חֻלִּין ז:) יַפְלִיאוּ וְיַעֲשׂוּ כְּלִי נִפְלָאָה הַמְבֹרֶרֶת וּמַעֲלָה אֶת הַשִּׁיר וְהַנִּגּוּן הַנִּפְלָא דַּיְקָא מִבְּהֵמוֹת וְחַיּוֹת שֶׁהֵם בְּחִינַת הַשְּׁפָלִים כָּמוֹנוּ, ע״כ. והוא מליצת לשון עפ״י מעשה י״א מספר סיפורי מעשיות - בן מלך ובן שפחה שנתחלפו, עיי״ש.

[כח] כדי להבין את ההמשך, נעתיק כאן חלקים מל׳ ספה״ק ליקוטי מוהר״ן תניינא תו׳ ל״ב, וז״ל;

יֵשׁ צַדִּיקִים גְּנוּזִים, וְהֵם יוֹדְעִים פָּנִים בַּתּוֹרָה, אַךְ הֵם צְרִיכִים לְהַעֲלִים תּוֹרָתָם, וּכְמוֹ שֶׁמְּסַפְּרִין מַעֲשֶׂה מֵהַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב עִם הַדַּרְשָׁן. וְגַם אֶצְלוֹ יֵשׁ לִפְעָמִים, שֶׁיּוֹדֵעַ תּוֹרָה שֶׁיֵּשׁ לָהּ פָּנִים, דְּהַיְנוּ פָּנִים בַּתּוֹרָה, וְהוּא צָרִיךְ לְהַעֲלִימָהּ, וְאֵינוֹ אוֹמְרָהּ; וְלִפְעָמִים אֵינוֹ כּוֹתְבָהּ כְּלָל, וְלִפְעָמִים כּוֹתְבָהּ

פנים" אין די תורה - - די וועלט פלעגט זאגן אויפן "אלשיך הקדוש" אז ער האט משיג געווען א 'פנים' אין די תורה! - אזוי זאגט דער וועלט.

(חוזר לענין התו' ל"ב הנ"ל) 'זיי ווייסן א פנים אין דער תורה', 'זיי ווייסן א פנים'! - 'פנים' איז דאך 'אמת', פנים איז דער 'אור האמת' (כלהלן), אז זיי ווייסן א פנים אין דער תורה - ווייסן זיי דאך א אמת אין די תורה! זיי ווייסן אַן 'אור האמת' אין די תורה!

---

וְאַחַר־כָּךְ שׂוֹרְפָהּ. וּבֶאֱמֶת אִם הָיְתָה נִכְתֶּבֶת, הָיָה מִזֶּה סֵפֶר וְהָיָה בָּא בְּתוֹךְ הָעוֹלָם. וְגַם יֵשׁ בָּהֶם שֵׁמוֹת, בִּבְחִינַת שְׁמִי שֶׁנִּכְתַּב בִּקְדֻשָּׁה, אַךְ הָעוֹלָם מְקַלְקְלִין זֹאת, וּצְרִיכִין לְהַעֲלִימָהּ וּלְשׂוֹרְפָהּ.

אֲבָל הוּא טוֹבָה לְהָעוֹלָם, מַה שֶּׁנֶּעֱלָם וְנִשְׂרָף תּוֹרוֹת וּסְפָרִים הַלָּלוּ. כִּי גַּם יֵשׁ כַּמָּה סְפָרִים, שֶׁכְּבָר נַעֲשׂוּ סְפָרִים וְנִמְחוּ וְנֶאֶבְדוּ מִן הָעוֹלָם, כִּי בְּוַדַּאי הַצַּדִּיקִים הַגְּדוֹלִים הַקַּדְמוֹנִים, תַּנָּאִים וַאֲמוֹרָאִים וְכַיּוֹצֵא בָּהֶם, עָשׂוּ סְפָרִים הַרְבֵּה, אַךְ נֶאֶבְדוּ. אַךְ הוּא טוֹבָה לְהָעוֹלָם, כִּי אִם לֹא הָיָה זֹאת, לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לָנוּ כְּלָל לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

כִּי יֵשׁ הַרְבֵּה סִפְרֵי מִינִין, שֶׁאִם הָיוּ, חַס וְשָׁלוֹם, מִתְפַּשְּׁטִין בָּעוֹלָם, לֹא הָיָה אֶפְשָׁר כְּלָל לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ ... וּבִשְׁבִיל זֶה הוּא טוֹבָה מַה שֶּׁנִּתְעַלְּמִין וְנִשְׂרָפִין הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים הַנַּ"ל ... וְדַע, שֶׁיֵּשׁ יִחוּדָא תַּתָּאָה שֶׁבְּזֶה הָעוֹלָם, שֶׁהוּא בְּכַשְׁרוּת גָּדוֹל בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה כָּל־כָּךְ, עַד שֶׁבּוֹ תָּלוּי יִחוּדָא עִלָּאָה ... וְעַל־כֵּן דַּע, שֶׁבִּשְׁבִיל זֶה צְרִיכִין הַצַּדִּיקִים הַגְּדוֹלִים לְהַעֲלִים תּוֹרָתָם, לְשָׂרְפָן וּלְהַאֲבִידָן כַּנַּ"ל, כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה נִסְתַּלֵּק הָרוּחַ־קִנְאָה, שֶׁלֹּא יְקַלְקֵל, חַס וְשָׁלוֹם, שְׁלוֹם הַזּוּג הַקָּדוֹשׁ הַנַּ"ל. כִּי יִחוּדָא תַּתָּאָה שֶׁלָּהֶם יָקָר מְאֹד, וּכְשֶׁנִּתְקַלְקֵל שָׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם עַל־יְדֵי הָרוּחַ־קִנְאָה כַּנַּ"ל, הוּא הֶפְסֵד גָּדוֹל מְאֹד. וְעַל־כֵּן מֻכְרָחִין שֶׁיִּהְיוּ נֶאֱבָדִין הַתּוֹרוֹת וְהַסְּפָרִים הַנַּ"ל, כְּדֵי לְסַלֵּק הָרוּחַ־קִנְאָה. כִּי הָרוּחַ־קִנְאָה הוּא רוּחוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ, שֶׁהוּא שׁוֹרֶה עַל אַנְפֵּי אוֹרַיְתָא, דְּהַיְנוּ הַסְּפָרִים כַּנַּ"ל; נִמְצָא כְּשֶׁנִּשְׂרָפִין וְנֶאֱבָדִין הַסְּפָרִים, מִמֵּילָא נִסְתַּלֵּק הָרוּחַ־קִנְאָה, שֶׁהוּא רוּחוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ, שֶׁשּׁוֹרֶה עַל הַסְּפָרִים כַּנַּ"ל.

וְזֶהוּ סוֹד "שְׁמִי שֶׁנִּכְתַּב בִּקְדֻשָּׁה – יִמָּחֶה". כִּי הַסֵּפֶר הוּא בְּחִינַת שֵׁם ה', בְּחִינַת 'שְׁמִי שֶׁנִּכְתַּב בִּקְדֻשָּׁה' כַּנַּ"ל. וְאָמְרָה תּוֹרָה, שֶׁיִּמָּחֶה וְיֵאָבֵד, כְּדֵי לְהַטִּיל שָׁלוֹם בֵּין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ, דְּהַיְנוּ זוּג הַקָּדוֹשׁ הַנַּ"ל, שֶׁבִּשְׁבִיל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶן נִמְחִין וְנֶאֱבָדִין הַסְּפָרִים, שֶׁהֵם בְּחִינַת שְׁמִי שֶׁנִּכְתַּב בִּקְדֻשָּׁה כַּנַּ"ל. וַאֲזַי נוֹשְׂאִין קַל־וָחֹמֶר לְמַעְלָה (כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, שַׁבָּת קטז): וּמָה שְׁמִי שֶׁנִּכְתַּב בִּקְדֻשָּׁה, שֶׁהוּא הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים הַנַּ"ל, אָמְרָה תּוֹרָה – יִמָּחֶה – בִּשְׁבִיל לְהַטִּיל שָׁלוֹם וְכוּ', סִפְרֵי הַמִּינִין שֶׁהֵם מַטִּילִין שִׂנְאָה וְתַחֲרוּת בֵּין יִשְׂרָאֵל וְכוּ', עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה שֶׁיִּמָּחוּ וְיֵאָבְדוּ וְיֵעָקְרוּ מִן הָעוֹלָם, שֶׁיִּמַּח וְיֵעָקֵר זִכְרָם מִן הָעוֹלָם. נִמְצָא שֶׁעַל־יְדֵי אֲבֵדַת הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים בָּא טוֹבָה, שֶׁנֶּאֱבָדִין וְנֶעֱקָרִין סִפְרֵי הַמִּינִין, וַאֲזַי יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, אָמֵן.

דער רבי זאגט טאקע אין דער תורה כ"ג[כט] 'אמת' איז דער 'אור הפנים', אז זיי ווייסן אן אמת אין דער תורה - דאס איז דער עיקר!

(ממשיך בתו' ל"ב הנ"ל) - 'און זיי דארפן עם מעלים זיין'! - אז זיי ווייסן א פנים אין די תורה, דארפן זיי דאך ארויס געבן דער פנים?! (אבער) 'זיי דארפן דאס מעלים זיין'!

(ממשיך מלשון התורה הנ"ל) - 'אזוי ווי מען דערציילט א מעשה פון דער בעל שם טוב מיט דעם דרשן'[ל]. דאס איז נישט געווען אינדערהיים, דער בעל שם טוב איז געווען אין וועג, אין בראד איז געווען א קבלת פנים פאר'ן בעל שם הקדוש, (ס'געווען דארט) אסאך מענטשן, איז געווען א דרשן אויך, דער דרשן איז געזעצן דארטן אינטן, און מען האט איהם געגעבן דארטן - - א סעודה געמאכט, (מ'האט געגעבן) פאר צוויי מענטשן איין שטיקל פיש, האט ער געגעסן צוויי שטיקלעך פיש - איין

[כט] ליקוטי מוהר"ן תו' כ"ג אות א'.

[ל] כן הוא בלקו"מ בפנים, ותוכן המעשה מבואר בספר חיי מוהר"ן בשיחות השייכים להתורות אות נ"ב וז"ל; קֹדֶם שֶׁאָמַר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הַתּוֹרָה הַנִּדְפֶּסֶת בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא בְּסִימָן ל"ב הַמַּתְחֶלֶת יֵשׁ צַדִּיקִים גְּנוּזִים, וְנֶאֶמְרָה בְּשַׁבָּת פָּרָשַׁת יִתְרוֹ תקס"ט לפ"ק. וְסִפֵּר מַעֲשֶׂה מִקֹּדֶם שֶׁהַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָיָה בִּקְהִלַּת־קֹדֶשׁ בְּרָאד וְנִתְאַכְסֵן אֵצֶל גְּבִיר אֶחָד וְהָיוּ מְסֻבִּין שָׁם עַל הַשֻּׁלְחָן אֲנָשִׁים רַבִּים מְכֻבָּדִים לִכְבוֹדוֹ כַּנָּהוּג, וְהָיָה יוֹשֵׁב שָׁם לְמַטָּה אֵצֶל הַשֻּׁלְחָן בַּעַל דַּרְשָׁיר אֶחָד, הַיְנוּ דַּרְשָׁן. וְהָיָה אוֹכֵל הַרְבֵּה, וְהִסְתַּכְּלוּ עָלָיו שֶׁאוֹכֵל הַרְבֵּה מְאֹד, וְהִתְחִילוּ לִתֵּן לוֹ וּלְהוֹשִׁיט לוֹ אֲכִילָה הַרְבֵּה בִּשְׁבִיל לֵיצָנוּת. וְהַדַּרְשָׁן עָשָׂה אֶת שֶׁלּוֹ, וְאָכַל הַרְבֵּה כָּל מַה שֶּׁהוֹשִׁיטוּ לוֹ, כְּגוֹן דָּגִים שֶׁהָיוּ אוֹכְלִים שְׁנֵי אֲנָשִׁים חֲתִיכָה אַחַת, וְהַדַּרְשָׁן אָכַל בְּעַצְמוֹ שְׁתֵּי חֲתִיכוֹת דָּגִים, וְכֵן רֹטֶב שֶׁהָיָה אוֹכֵל בְּעַצְמוֹ קְעָרָה מְלֵאָה וְכֵן בִּשְׁאָר הַמַּאֲכָלִים וְהֵם הוֹשִׁיטוּ לוֹ בְּכָל פַּעַם בִּשְׁבִיל לֵיצָנוּת מֵחֲמַת שֶׁרָאוּ שֶׁאוֹכֵל הַרְבֵּה. אַחַר־כָּךְ הִתְחִילוּ לְהַפְצִיר אוֹתוֹ שֶׁיֹּאמַר לִפְנֵיהֶם תּוֹרָה, וְכַוָּנָתָם הָיְתָה גַּם כֵּן בִּשְׁבִיל לֵיצָנוּת שֶׁיֹּאמַר תּוֹרָה עַל הַשֻּׁלְחָן שֶׁהַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מֵסֵב שָׁם בָּרֹאשׁ. וְהוּא נָהַג בִּתְמִימוּתוֹ וְהִתְחִיל לוֹמַר בִּפְנֵיהֶם תּוֹרָה, וְהִתְחִילוּ לִשְׂחֹק מִמֶּנּוּ בְּתוֹךְ פִּסַּת יְדֵיהֶם וְהָיָה בְּעֵינֵיהֶם לְאַחוּכָא וְאִטְלוּלָא [לִשְׂחוֹק וְלֵיצָנוּת]. וְהֵבִין הַדַּרְשָׁן שֶׁהֵם מִתְלוֹצְצִים מִמֶּנּוּ בִּשְׁבִיל שֶׁאוֹכֵל הַרְבֵּה, עָנָה הַדַּרְשָׁן וְאָמַר וְכִי אִם אֵין יְכוֹלִים לוֹמַר תּוֹרָה אָסוּר לֶאֱכֹל חֲתִיכָה דָּג. אַחַר־כָּךְ הִסְתַּכֵּל הַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב וְרָאָה כָּל הָעִנְיָן וְהִקְפִּיד וְכָעַס עֲלֵיהֶם, וְשָׁמַע תּוֹרָתוֹ שֶׁל הַדַּרְשָׁן וְהוּטַב בְּעֵינָיו מְאֹד. וְאָמַר הַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב שֶׁזֶּה הַדַּרְשָׁן אוֹמֵר תּוֹרָה מִפִּי אֵלִיָּהוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

כָּל זֶה סִפֵּר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וְאַחַר־כָּךְ אָמַר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁדָּבָר זֶה הוּטַב בְּעֵינָיו מְאֹד מַה שֶּׁאָמַר הַדַּרְשָׁן וְכִי אִם אֵינָם יְכוֹלִים לוֹמַר תּוֹרָה אָסוּר לֶאֱכֹל חֲתִיכָה דָּג. אַחַר־כָּךְ אָמַר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הַתּוֹרָה הַנַּ"ל, לְעִנְיַן הַצַּדִּיקִים הַגְּנוּזִים שֶׁיּוֹדְעִים תּוֹרָה נִפְלָאָה וְהֵם גְּנוּזִים מִן הָעוֹלָם, כְּמוֹ הַדַּרְשָׁן שֶׁהָיָה יוֹדֵעַ תּוֹרָה נִפְלָאָה אַךְ הָיָה צַדִּיק גָּנוּז וְהָעוֹלָם הִתְלוֹצְצוּ מִמֶּנּוּ.

מענטש! מען האט איהם געגעבן מער, האט ער געגעסן נאך! ער האט געגעסן אסאך.

איז געווען דארטן מענטשן ליצים, געמאכט ווערטלעך פון איהם, מען האט איהם אלעמאל אונטערגערוקט עסן, און ער האט געגעסן אסאך.

נאכדעם האט מען איהם געזאגט אז ער זאל זאגן תורה (ג"כ בשביל ליצנות), האט ער אנגעהויבן צו זאגן תורה! דא זיצט דער בעל שם טוב, און ער זאגט תורה?! איז געווארן געלעכטער'ס...

האט דער בעל שם טוב איהם צוגערופן און געהערט זיין תורה, און געזאגט 'אז ער זאגט תורה מפי אליהו' - דער דרשן! אזוי האט דער בעל שם טוב געזאגט פאר די מענטשן וואס זענען דארט געזעצן! 'ער זאגט תורה מפי אליהו'!

נו, ער איז געווען א פארבאהאלטענע מענטש, מען האט פון איהם געלאכט, אזוי ווי מען זעהט פונעם דרשן מיט'ן בעל שם טוב, מען האט פון איהם געלאכט - און ער האט געזאגט 'תורה מפי אליהו'! ס'דאך תורת אמת!!

און דער 'באהאלטן זיך' איז אסאך בחינות דא - אין דער 'זיך באהאלטן'! אמאל באהאלטן מען זיך - אז ער זאגט און מ'לאכט איהם אוים - דאס הייסט אויך באהאלטן! 'און אמאל באהאלט ער זיך - אז מען ער זאגט נישט! און אמאל - ער זאגט און שרייבט עס אויף, נאר ער פארברענט עס'! (מתוך לשון התורה ל"ב בלקו"מ תניינא הנ"ל). 'פארבאהאלטן' האט אין זיך אסאך בחינות!

*

'**וגם אצלו**' (שם) - וועמען מיינט דער רבי 'וגם אצלו'? **וגם אצלו יש לפעמים, שיודע תורה שיש לה פנים, דהינו פנים בתורה, והוא צריך להעלימה ואינו אומרה!** ווער איז דער 'אצלו'? (אחד מהשומעים מנסה לתרץ; רבי נתן שרייבט עס, אז דער רבי אליין האט עס געזאגט, אז אפילו ביי איהם אליין איז אויך דא אמאל וואס ער טוהט אזוי! ורלוי"צ מקשה לפי זה -) וואלט דאך געדארפט שטיין 'וגם אצלי'?!

- - די תורה האט דאך רבי נתן געהערט פונעם רבי'ן, און ער האט דאס געבראכט בכתב, און דער טירהאוויצע'ר מגיד האט געזאגט; עס איז געגאנגען

פייער פונעם רבי'נס מויל! ווי קען מען נעמען פייער און איפשרייבן אויף א פאפיר?! און דא איז געקומען א יונגערמאן און עס געבראכט אפגעשריבן![לא]

*

(שם בלקו״מ) - 'וגם אצלו יש לפעמים שיודע תורה שיש לה פנים, דהיינו פנים בתורה, והוא צריך להעלימה, ואינו אמרה, ולפעמים אינו כותבה כלל ולפעמים כותבה ואחר כך שורפה', ביים רבי'ן איז טאקע געווען די זאך - איז געווען 'לפעמים', דער 'ספר הנשרף'![לב] (המשך התורה יבואר להלן).

*

# ויתן על פניו מסוה

די תורה (ל״ב תניינא) איז געזאגט געווארן פרייטאג צו נאכטס, 'דריי תורות' - די תורה פון כ״ד, די תורה פון 'כוסי' - קע״ז, און די תורה (ל״ב), די תורות זענען געזאגט געווארן פרייטאג צו נאכט'ס!

די תורות וואס זענען געזאגט געווארן פרייטאג צו נאכט - די תורות זענען געזאגט געווארן מיט (גרוים התלהבות) - - -

---

[לא] עי' חיי מוהר״ן אות תר״ז; שַׁיָּךְ לַמַּאֲמָר 'שְׁמִי שֶׁנִּכְתַּב בִּקְדֻשָּׁה' (ליקו״מ תו' ל״ב תניינא), זֶה הַמַּאֲמָר נֶאֱמַר עַל פִּי שְׁאֵלָה שֶׁשָּׁאַל הַמַּגִּיד מִטִּירָאוִויצֶע אֶת רַבֵּנוּ ז״ל, בַּאֲשֶׁר שֶׁהָאָבוֹת וּשְׁאָר הַצַּדִּיקִים הַקַּדְמוֹנִים בְּוַדַּאי חִבְּרוּ סְפָרִים הַרְבֵּה, וְהֵיכָן הֵם אֵלּוּ הַסְּפָרִים, וְהֵשִׁיב לוֹ רַבֵּנוּ ז״ל עִנְיָן הַנֶּאֱמָר בַּמַּאֲמָר הַנַּ״ל, שֶׁשָּׁם מְתֹרָץ הַדָּבָר הֵיטֵב עַיֵּן שָׁם.

אַחַר כָּךְ בָּא הַמַּגִּיד ז״ל לְאֵיזֶה מָקוֹם אֲשֶׁר גָּר שָׁם חֲתָנוֹ רַבִּי יִצְחָק ז״ל, כִּי הָיָה שָׁם מְלַמֵּד, וְשָׁאַל אוֹתוֹ חֲתָנוֹ הַנַּ״ל עַל שְׁלוֹם אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו, וְהֵשִׁיב לוֹ חוֹתְנוֹ הַמַּגִּיד עַד שֶׁאַתָּה שׁוֹאֲלֵנִי עַל שְׁלוֹמָם שְׁאַל אוֹתִי מֵהֵיכָן אֲנִי בָּא, כִּי אֲנִי בָּא מִבְּרַסְלֶב, וְהָיִיתִי שָׁם אֵצֶל רַבֵּנוּ רַבִּי נַחְמָן ז״ל וְשָׁאַלְתִּי אוֹתוֹ מַה שֶּׁכְּבָר שָׁאַלְתִּי לְכַמָּה צַדִּיקִים, וְלֹא הֵשִׁיבוּ לִי תְּשׁוּבָה נְכוֹנָה, וְהוּא הֵשִׁיב לִי תְּשׁוּבָה נְכוֹנָה וּבְרוּרָה. כִּי שָׁאַלְתִּי אוֹתוֹ בַּאֲשֶׁר שֶׁהָאָבוֹת וּשְׁאָר הַצַּדִּיקִים הַקַּדְמוֹנִים בְּוַדַּאי חִבְּרוּ סְפָרִים הַרְבֵּה, וְהֵיכָן הֵם אֵלּוּ הַסְּפָרִים. וְדָבָר זֶה כְּבָר שָׁאַלְתִּי לְכַמָּה צַדִּיקִים וְלֹא מָצָאתִי מַעֲנֶה בְּפִיהֶם, וְהוּא גִּלָּה לִי עַל זֶה תּוֹרָה נִפְלָאָה.

וּבְשָׁעָה שֶׁאָמַר לְפָנַי הַתּוֹרָה הַזֹּאת, רָאִיתִי לַהֲבוֹת אֵשׁ יוֹצְאִין מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ, וְנִדְמֶה לִי שֶׁאִי אֶפְשָׁר בְּשׁוּם אֹפֶן לְהַעֲלוֹת זֹאת עַל הַכְּתָב, וּלְמָחָר בַּבֹּקֶר בָּא הָאַבְרֵךְ רַבִּי נָתָן, וְהֵבִיא הַמַּאֲמָר הַזֶּה כָּתוּב עַל הַנְּיָר וּבִדְיוֹ, ע״כ. (שיחה זאת הוא מלשון הרב מטשעהרין זצ״ל).

[לב] ענין 'ספר הנשרף' עי' חיי מוהר״ן אות קס״ט והלאה, וימי מוהרנ״ת אות כ״ו.

ווען דער רבי איז אריינגעגאנגען אין א גרויסער פייער, האט דער רבי ארויפגעווארפן די 'פאטשיילע' אויפ'ן פנים, דעמאלטס פלעגן די צדיקים גיין מיט גרויסע פאטשיילעס, אזא מין 'טיכל', אמאל פלעגט מען אלס גיין מיט א טיכל אין קעשענע, און די צדיקים האבן געהאלטן א גרויסן טיכל.

דער רבי איז אריין אין א גרויסע התלהבות, האט ער געגעבן אווארף ארויף א 'מסוה על פניו', אזוי ווי ביי משה רבינו - א 'מסוה על פניו'[לג], (השואל: ווען דער רבי האט געזאגט תורה כ"ד האט ער ארויפגעווארפן א מסוה?) ס'שטייט נישט ווען, ס'שטייט נאר אז אסאך מאל ווען דער רבי איז געווען אזוי (אין א התלהבות), האט ער ארויפגעווארפן א מסוה על פניו![לד]

אמאל ווען דער רבי האט צוגעדעקט די פנים, ס'האט זיך אביסל ארויסגעזעהן דער פנים, האט עס געברענט אזוי ווי א פייער! ס'האט זיך נישט אינגאנצן פארדעקט. אז ס'האט זיך אמאל ארויסגעזעהן עפעס א שטיקל פנים האט עס געברענט אזוי ווי פייער![לה]

*

(השואל: ס'איז געווען אמאל א פרייטאג צונאכט'ס וואס דער רבי איז געווען אליין אין א צימער - -) ס'איז געווען - רבי שמעון'לע[לו] איז געקומען צום רבי'ן, רבי שמעון'לע איז דעמאלטס געווען ביים רבי'ן, ער איז געווען ביים רבי'ן, ער איז געווען אזא 'בן בית' - אז ער איז געקומען אויף שבת האט מען איהם שוין געקענט, ער איז געווען אזוי ווי א שטוב'יגער מענטש, אזוי ווי ס'קומט א ברודער איז ער געווען, א 'בן בית'!

איז ער געווען אמאל ביים רבי'ן פרייטאג צונאכטס, און דער רבי איז נישט אריינגעקומען צום טיש, אין ברסלב, און אז רבי שמעון'לע פלעגט קומען צום רבי'ן - - אסאך מענטשן פון די שטאט זענען געקומען דעם שבת צום רבי'ן, און ס'איז אוועקגעגאנגען שעה'ן, שעה'ן, און דער רבי איז נישט אריינגעקומען! ביים רבי'ן פרייטאג צונאכטס.

---

[לג] שמות ל"ד ל"ג.

[לד] שיחות הנדפסות בסוף ביאור הליקוטים הישן, מובא בשיש"ק ח"א תרס"ד.

[לה] עי' שיש"ק ח"ב רע"ו.

[לו] תלמידו (הראשון) של רביז"ל.

רבי שמעון'לע איז דאך געווען א בן בית, איז ער צוגעגאנגען צו דער טיר פונעם רבי'ן, און געגעבן א ריר דאס 'קלאמקע' - א ריר געטוהן, האט ער געזעהן ווי דער רבי איז געשטאנען אזוי אינמיטן דער חדר פאר'דביקות'ט - אין אזוי ווי א 'טייכעלע' פון טרערן, און די פאנטאפל האבן זיך געפלאָשקעט אין די טרערן! - די פאנטאפל האבן זיך געווארפן אין די טרערן.[לז] און די רבי איז געשטאנען פאר'דביקות'ט, און רבי שמעון'לע איז זייער דערשראקן געווארן פון די מראה, און ער איז גלייך אוועק.

(השואל: ער האט געזעהן דעם רבי'נס פנים?) ניין, דער רבי איז געווען אויסגעדרייט, ער האט געזעהן א דביקות פונעם רבי'ן, און שטייט - און א טייכעלע מיט טרערן איז דא, און די פאנטאפל שאקלט זיך, 'פלאָשקעט' - הייסט 'שאקלט זיך' - אין דעם טייכל! איז ער זייער דערשראקן געווארן דערפון, ס'האט איהם באנג געטוהן, און איז אוועקגעגאנגען דארטן גלייך, און באלד איז דער רבי אריינגעקומען!

דעמאלטס האט דער רבי גערעדט פון די 'מראה' אז ס'וועט זיין אמאל א צייט וואס ער וועט בלייבן מיט 'פינף מענטשן'![לח] דעמאלטס ווען דער רבי איז אריינגעקומען האט ער דאס דערציילט! האט מען שוין פארשטאנען - אז דער רבי האט גערעדט די זאך - אז דעמאלטס איז געווען די זאך! (שאז בהיותו בחדרו ראה את המראה הזאת).

ביי רבי נתן איז דאס מקוים געווארן - אז ס'איז געבליבן 'פינף מענטשן'! און דער זוהן איז געווען איינער פון די פינף - רבי יצחק (בן מוהרנ"ת). נישט פשט אז די אנדערע זענען אינגאנצן אוועק, נאר 'בלייבן' אזוי ווי מען דארף בלייבן - איז נאר געווען פינף מענטשן!

"רבי נתן ר' לייב'לע ראובן'ס"[לט] - ער איז געווען אויך פון די וואס זענען געבליבן, וואס האבן געגעבן א פלייצע רבי נתנ'ען!

---

[לז] עי' הקדמת השתפכות הנפש בהנהגות אדמו"ר זצ"ל.

[לח] סיפור המראה הוא בחיי מוהר"ן אות צ"א. (עי' כל זה בשיש"ק ה' אות ע"ג).

[לט] ר' נתן ב"ר יהודה ב"ר ראובן, מתלמידיו הקרובים של מוהרנ"ת, בסוף ימיו עלה לארה"ק והתגורר בטבריה ושם מנו"כ, חיבר ספר קונטרס הצירופים, וגם נשאר ממנו הרבה מכתבי חיזוק שכתב לידידיו מאנ"ש ונדפסו יחד בשם 'ספר נתיב צדיק'.

(השואל; ר' נחמן טולטשינער, ועוד - -) איך וויים נישט פונקטליך, בפרטיות קען איך נישט זאגן קיין נעמען, דאס וויים איך - אז ר' יצחק איז געווען אויך איינער פון די פינף![מ]

*

## העלפן דעם צדיק

ס'איז דא אמאל א צייט וואס דער צדיק האט אין זיך אזא מין סארט זאך, אז ער קען זיך נישט! (אינו יודע מכוחו).

עס שטייט אין זוהר הק' טאקע,[מא] בשעת אהרן הכהן איז נסתלק געווארן, דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה רבינו 'אל תירא אותו'[מב] - האב נישט מורא פאר עוג! זאגט דער זוהר 'כי אמר הא ימינא דילי אסתלק'! דער רבי ברענגט עס אין די תורה נ"ה,[מג] 'אהרן' איז געווען דער 'ימין' פון משה רבינו, אז אהרן הכהן איז נסתלק געווארן האט ער געזאגט 'הא ימינא דילי אסתלק' - מיין 'ימין' איז נסתלק!

'עוג' איז געווען 'אחיזתו בימין', און דער ימין פון משה רבינו איז נסתלק געווארן - אהרן הכהן, האט משה זיך דערשראקן זיך, 'אל תירא אותו'! - זאגט דער זוהר הק' - דו דארפסט זיך נישט שרעקן! דו אליין האסט אויך כח!!

משה רבינו איז געווען א עניו, ער האט געהאלטן אז (כל זמן) אהרן איז געוועזן - האט ער געהאט כח מיט אהרנ'ען, אבער אז אהרן איז נסתלק געווארן, און עוג איז דאך 'אחיזתו בימין', ער איז דאך געווען נעבן 'ארץ ישראל', האט ער געהאלטן ביי זיך אז ער האט נישט קיין כח! האט דער אויבערשטער געזאגט; 'דו דארפסט נישט דער ימין (- אהרן הכהן, כדי לנצח את עוג), דו האסט אליין כח![מד]

---

[מ] עי' שיש"ק ה' אות ע"ג.

[מא] חקת דף קפ"ד ע"א.

[מב] במדבר כ"א ל"ד.

[מג] אות ט'.

[מד] ז"ל שם בליקו"מ; ... וַאֲפִלּוּ מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, הָיָה יָרֵא מֵעוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן, כִּי אֲחִיזַת עוֹג הָיָה סָמוּךְ לְיָמִין, שֶׁהוּא אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל. עַד שֶׁאָמַר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־ הוּא לְמֹשֶׁה: "אַל תִּירָא אוֹתוֹ" (בְּמִדְבַּר כ"א) כִּי אָמַר: 'הָא יְמִינָא דִּילִי אִסְתַּלַּק', כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר (חֻקַּת דַּף קפ"ד). וְעוֹג אֲחִיזָתוֹ בְּיָמִין, שֶׁהוּא מִבְּנֵי בֵּיתָא דְּאַבְרָהָם.

דער אמת'ער צדיק, ער איז דאך ביי זיך אזוי 'עניו', האלט ער אז - - - (ער האט נישט אליין כח).

*

עס איז געווען אמאל ביים רבי'ן ר' אלימלך (מ'ליזשענסק זצ"ל), ס'איז געווען אמאל עפעס א מין 'יומא דפגרא', פלעגן קומען אלע צדיקים צו איהם, און איין צדיק איז נישט געקומען, האט ער געהאט געוואלדיגע (עגמת נפש?) - -

האט איהם איינער געזאגט, רבי, איר האט דאך אזעלכע גדולים ביי זיך?! האט ער געזאגט; "איר ווייסט נישט דאס גרויסקייט! ווען ער (הצדיק הנ"ל שלא בא) וואלט ווען געווען זיין, וואס ס'וואלט ווען געווען"!!! (- היו נעשים מזה דברים גדולים).

די צדיקים האבן דאך אזעלכע כוחות, נאר זיי אליין זענען ביי זיך 'ענוים ושפלים', אז זיי ווייסן נישט אזוי פון זייער כח, און זיי האבן די חברייא קדושה - -

*

# האידרא קדישא

אזוי ווי מען זעהט אין זוהר הק', אז דער חברייא איז געווען טאקע ביי די 'אידרא' - ביי דער אידרא וואס מען זאגט שבועות, האט ער געהייסן זיי זאלן זיך אננעמען אלע, און האלטן זיך שטארק אין איהם, און דעמאלטס האט זיך אנדערש גערעדט ביי רבי שמעון - האט זיך אנדערש גערעדט זיך![מה]

מען זאגט טאקע - ביים אידרא זענען אריינגעגאנגען 'צעהן צדיקים', ארויס זענען ארויסגעגאנגען נאר 'זיבן', דריי זענען דאך נסתלק געווארן ביים אידרא, ווען ס'האט זיך געענדיגט דער אידרא זענען נסתלק געווארן דריי; ר' חזקיה, און ר' יוסי ב"ר יעקב, און ר' ייסא![מו]

---

וְאַרְצוֹ סָמוּךְ לְאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל. וּבִשְׁבִיל זֶה הָיָה יָרֵא מֹשֶׁה מִמֶּנּוּ לְהִתְגָּרוֹת ... עַד שֶׁהִבְטִיחוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא אַל תִּירָא אוֹתוֹ כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר (שָׁם)...

[מה] עיי"ש בזוה"ק כל הענין פרשת נשא, אידרא רבה, דף קכ"ח ע"א.

[מו] כל ענין זה הוא שם באידרא בסופו, דף קמ"ד ע"א.

די חברייא זענען געווען גענוואלדיג דערשראקן; "אפשר למעלה וויל מען נישט ליידן אויף וואס ער האט אזויפיל תורה מגלה געווען"?! האט ער געזאגט; "ניין, ניין! 'איר' וועט שוין בלייבן בחיים! נאר וואס דען - דער אויבערשטער האט געוואלט הנאה האבן פון דער אידרא, האט ער גענומען די דריי צדיקים, ער זאל הנאה האבן פון די חברייא"!

דאס איז דער אויבערשטער'ס תענוג פונעם אידרא, זיי האבן געזעהן ווי מלאכים טראגן די דריי צדיקים!

נאכדעם האבן זיי אפגעמאכט ביי זיך אז זיי זאלן זיך נישט אפשיידן פון רבי שמעון'ען! - 'זעקס' מיט 'רבי שמעון' איז געווען 'זיבן', האט רבי שמעון געזאגט צו זיי; 'מיר זענען איצטער זיבן'! - קעגן די "ז' ימי שבתא", האט זיך אנגערופן רבי אבא; טאקע יא, זיבן, 'דו ביזט אבער דער שבת'! (עיי"ש).

זיי האבן זיך נישט געלאזט נאַרן! (טאקע) 'זיבן' - אבער מיר זאלן זיך אריינרעדן אז מיר זענען גלייך מיט דיר?! 'מיר' זענען די זעקס טעג, און דו ביזט טאקע דער 'שבת'! 'אנת הוא שבת דכולא יומא'! - דאס האט ר' יהודה געזאגט. מיר זענען טאקע זיבן, דו ביזט אבער דער 'שבת' - דו ביזט אבער דער זיבעטער! (להלן ממשיך בענין האידרא).

זעהען מיר ארויס פון דעם, אז צדיקים האבן געהאלטן ביי זיך - זיי האבן געדארפט האבן אז זיי זאלן זיך אָנהאַלטן - אז זיי האבן די צדיקים!

דער רבי זאגט טאקע,[מ] אז בשעת עס איז געווען די תלמידים ביי 'אלישע', האט ער געהייסן 'איש אלקים', ווען נישט - האט ער געהייסן 'אלישע' סתם! צדיקים וואס האבן טאקע אין ווערמען זיי זאלן זיך אנהאלטן זיך!

*

[מ] ליקוטי מוהר"ן תו' קס"ו, עפ"י הזוה"ק פרשת בשלח דף מ"ד, עיי"ש.

# ימין משה

(חוזר לענין 'מלחמת משה עם עוג' הנ"ל מתו' נ"ה) - פרעגט דער זוהר[מח] די קושיא; איי, ס'איז דאך געבליבן 'אלעזר'?! אז אהרן איז נפטר געווארן, איז דאך געבליבן אלעזר?! (ותירץ); 'אלעזר' האט נישט געהאט דעם כח וואס 'אהרן'!

ס'איז דאך געבליבן אלעזר?! אלעזר איז דאך געווען דער כהן גדול 'תחת אהרן הכהן', א קלייניגקייט?! אבער ס'איז שוין נישט געווען 'אהרן'! האט משה רבינו געזאגט 'הא ימינא דילי איסתלק'! האט איהם דער אויבערשטער געזאגט 'אל תירא אותו' - 'דו האסט אליין כח', 'דו אליין האסט אויך א כח'!

איז דאך אנדערע ווערטער דא, דער אויבערשטער זאגט צו איהם 'אל תירא אותו' - - ער זאגט 'הא ימינא דלי אסתלק', ער האט מורא קעגן 'עוג' וואס 'אחיזתו בימין', זאגט איהם דער אויבערשטער 'האב נישט קיין מורא'! 'דו ביזט משה, און דו האסט אליין דעם כח'! - דאס זאגט דער אויבערשטער צו די אלע צדיקים - צו די אלע גדולים וואס זיי שרעקן זיך![מט]

אבער על כל פנים - זיי מצידם ווילן זיי האבן תמיכה, זיי ווילן האבן אין וועמען אנצושפארן זיך.

*

וואס איז שייך ביים רבי'ן 'ימין'?! יעדער איינער - וואס ער טוהט עפעס א זאך אין אידישקייט, א עצה, - מיט א התקשרות צום רבי'ן, גיבט ער דעם רבי'ן מער כוחות! גיבט ער דעם צדיק מער כוחות! דער צדיק קען זיך מער ציטירן (- לעסוק?) מיט זיין זאך!

דער מענטש אליין - ער ווייסט גארנישט וואס ער טוהט, עפעס, עפעס, אבער דער 'עפעס' גיבט ער מער כוחות צום צדיק![נ]

[מח] פרשת חקת דף קפ"ד ע"א.

[מט] [עיי"ש בתו' נ"ה מבואר כל התיקונים איך לזכות שהקב"ה יציל אותו מיד הרשעים שהם בבחינת 'עוג'.]

[נ] עי' חיי מוהר"ן אות ש"ל; ... גַּם אָמַר לִי אַתָּה בִּלְעָדַי אֵינְךָ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת (הַיְנוּ שֶׁאֵינִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת וְלַעֲסֹק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּלְעֲדֵי כֹּחוֹ וַעֲצוֹתָיו) אֲבָל אֲנִי בִּלְעָדֶיךָ גַּם כֵּן אֵינִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת כְּלָל. (כְּלוֹמַר לַעֲשׂוֹת לִי

'ויביאו את המשכן אל משה' שטייט,[נא] זאגט דער רבי אין די תורה פון 'אמור אל הכהנים'[נב]; וואס מיינט 'ויביאו את המשכן אל משה'? קיינער ווייסט נישט 'לאעלא שייפא בשייפא כל חד לדוכתיה'[נג] - יעדער איינער טוהט עפעס טאקע, יעדער תפילה וואס מיר טוהן - דאס איז אזוי ווי א 'שייפא'! 'שייפא' הייסט א 'אבר'.

דער גיבט א העקעלע, דער גיבט א גרעסערע זאך, איך גיב א זאך - - אבער אליין גיין און דאס אריין שטעלן אין משכן?! דאס וועט מען מיר נישט לאזן! דו בראכסט?! לייג עם אריין, מ'וועט שוין צינויף נעמען דיינע געלטער! עפעס וועט שוין ווערן דערפון, ס'וועט נישט גיין לאיבוד, קיינער וועט דיר נישט גנב'ענען! אבער דו אליין זאלסט צוגיין, נעמען די זאך און אריינשטעלן וואו מען דארף - ווייסטו נישט!

דער רבי זאגט דארטן, קיינער ווייסט נישט 'לאעלא שייפא בשייפא כל חד לדוכתיה' נאר משה אליין! ער ווייסט, ער ווייסט ווי אזוי מען זאל צינויפשטעלן דער משכן!

קומט אויס פון דארטן, אז דער משכן הייסט - יעדער 'אבר', יעדער 'תפילה', יעדע 'נקודה טובה', דאס הייסט אלץ א 'שייפא'![נד]

דארפן מיר נאר מרבה זיין מיט 'עשיית הטוב' - מיט א התקשרות צו דעם צדיק! דאס הייסט; 'איך ברענג עס צו איהם'! (א' הנוכחים; וואפנע מיט ציגל -) יא![נה] דאס הייסט איך ברענג עס צו איהם! און ער וועט שוין טוהן דערמיט'! - -

---

טוֹבָה כָּל זְמַן שֶׁלֹּא אֶשְׁתַּדֵּל בְּעַצְמִי לְקַבְּלָהּ, כִּי מַה שֶּׁאֲנִי צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת הוּא בְּעַצְמוֹ אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת הַכֹּל בִּלְעָדַי, אַף עַל פִּי שֶׁבֶּאֱמֶת הַכֹּל מִמֶּנּוּ, ע"כ. ועי' ליקוטי הלכות הל' אבידה ומציאה הלכה ג' אות ט"ו.

[נא] שמות ל"ט ל"ג.

[נב] ליקו"מ תו' ב'.

[נג] עפ"י זוהר פרשת פקודי דף רל"ח ע"ב.

[נד] עיי"ש בלקוטי מוהר"ן תו' ב' אות ו'.

[נה] עי' חיי מוהר"ן אות רצ"ג; שָׁמַעְתִּי שֶׁפַּעַם אַחַת אָמַר לַאֲנָשָׁיו, מַה לָּכֶם לַחֲשֹׁב מַחֲשָׁבוֹת, אֵין אַתֶּם צְרִיכִים כִּי אִם לָתֵת אֲבָנִים וָסִיד, וַאֲנִי בּוֹנֶה מֵהֶם בִּנְיָנִים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים, (כְּלוֹמַר, שֶׁאָנוּ צְרִיכִין רַק לַעֲסֹק בַּעֲבוֹדַת ה' בִּפְשִׁיטוּת, בְּתוֹרָה וּבִתְפִלָּה וּמִצְווֹת, וְהוּא עוֹשֶׂה בָּזֶה מַה שֶּׁעוֹשֶׂה), אִיר דַארְפְט נָאר צוּ טְרָאגְן שְׁטֵיינֶער אוּן וָואפְּנֶע, אוּן אִיךְ בָּאוֶוע דֶערְפוּן בִּנְיָנִים, (וּמָשַׁךְ הַרְבֵּה תֵּבַת בִּנְיָנִים, כְּמַפְלִיג בְּשֶׁבַח נִפְלְאוֹת תִּפְאֶרֶת הַבִּנְיָנִים הַנּוֹרָאִים שֶׁבּוֹנֶה מִזֶּה).

*

# א 'לייטער' צום גרויסן אור

ס'איז געווען איינער 'רבי דוד', ער איז געווען א תלמיד ביים רבי'ן רבי אלימלך, ר' דוד איז געווען אזוי גרויס - דער ר' דוד - אז ווען דער רבי ר' אלימלך האט חתונה געמאכט א קינד, איז געווען דער חברייא זיינע, האט זיך אנגערופן דער רבי ר' אלימלך; 'ווער ס'האט נישט פאַרראָכטן חטאת נעורים, דער זאל נישט גיין טאנצן'! - אזוי האט רבי ר' אלימלך געזאגט, 'דער וואס האט נישט פארראכטן דער זאל נישט גיין טאנצן'.

האט זיך אנגערופן דער ר' דוד; 'אבער דער וואס האט נישט קיין חטאת נעורים, ער מעג גיין טאנצן'?! און ער איז ארויס טאנצן - דער ר' דוד! אזוי גרויס איז געווען דער ר' דוד!

מ'זעהט טאקע אז ס'איז דא דארטן זיין קבר, אין ליזענסק פלעגן מען גיין אויף זיין ציון, ער ליגט אין ליזענסק - ר' דוד דער תלמיד.

איינמאל, ער איז נישט געווען ביים רבי'ן ר' אלימלך, ער איז נישט געקומען צום רבי'ן ר' אלימלך, און ר' אלימלך האט איהם אויסגעפעהלט - לויט זיין עבודה האט ער איהם געפעהלט, און ער איז דעמאלטס געווען ביים 'חוזה', דער חוזה האט דאך אנגעהויבן צו פירן ביים לעבן - נאך בחייו פון רבי'ן ר' אלימלך האט דער חוזה אנגעהויבן צו פירן.

איז דער רבי ר' אלימלך צוגעפארן צו ר' דוד'ן, האט געזאגט די רעביצין 'ער איז נישט דא אינדערהיים', האט ער שוין פארשטאנען ווי ער איז, ווען ער איז געקומען צו דער רבי אלימלך, האט ער איהם געזאגט 'וואו ביזטו געווען'? זאגט ער איהם אזוי; 'דער רבי איז אזא גרויסע אור, אז איך מוז האבן א 'לייטער', בין איך געגאנגען צום לייטער אז איך זאל קענען ארויפקריכן צום רבי'ן'! - אזוי האט ער איהם געענטפערט דער ר' דוד.

צדיקים וואס זיי האבן אזעלכע מענטשן, וואס די מענטשן פעהלן זיי אויס - די מענטשן פעהלן זיי, פון זייער גרויסקייט אליין ווייסן זיי נישט, זיי זענען גרויסע 'ענוים ושפלים', בחינת 'מה'!

אבער דער אויבערשטער ווייסט יא פון זיין כח, ער זאגט 'אל תירא' - האב נישט קיין מורא! דו ביזט אליין - אליין א געוואלדיגע כח!

(השואל; ביים רבי'ן איז אויך געווען, דער רבי האט געפרעגט אויף עמיצן, און ער איז נישט געווען, דערפאר מוז ער פארן עפעס א נסיעה - קיין לעמבערג) יא!

* * *

# שמי שנכתב בקדושה...

(כאן ממשיך ללמוד תו' ל"ב תניינא הנ"ל) **'אך העולם מקלקלין זאת'** - נאר די וועלט מאכט עם קאליע! 'באמת ווען מ'זאל עס אויפשרייבן, וואלט געווארן דערפון א ספר, און ס'וואלט אריינגעקומען אין די וועלט אריין', **'וגם יש בהם שמות, בחינת שמי שנכתב בקדושה'**, 'נאר דער וועלט מאכט עם קאליע, דארף מען עם מעלים זיין און פארברענען'! (כל זה מתורגם מל' התורה).

וואס הייסט 'דער וועלט מאכט עם קאליע'? ווי דער רבי זאגט ווייטער; 'דער ספר איז אזוי גרוים, דער ספר איז אזוי הייליג' - דער רבי וועט רעדן ווייטער, דאס קען מען דאך נישט פארשטיין, דער רבי רעדט ווייטער פון א 'רוח קנאה', דער ספר דארטן איז 'מרחף רוחו של משיח', 'אויף דעם ספר איז מרחף רוחו של משיח', 'און רוחו של משיח איז אזוי הייליג, אז ער גיבט ארוים פון זיך א רוח קנאה און שרייעט "אל תסתרו"'! (גם זה מל' התורה).

אז מען קוקט אריין אין דעם ספר, אדער אפילו אז דער ספר איז נאר דא אין דער וועלט - אפילו מען קוקט דארט נישט אריין, שרייעט ער ארוים - אזוי ווי דארטן 'הר חורב מכרזת'[נג] - דער ספר שרייט ארוים 'אל תסתרו' - 'זאלסט זיך נישט פארבארגן', אפילו ער איז - 'טהורה היא', נאר וועדליג קדושת הספר איז די סתירה אויך א פגם!

'אל תסתרו', וואס דער ספר איז העכער - גיבט ער ארוים א גרעסערן כרוז, א גרעסערן רוח קנאה, דאס איז אזא מין יראה, א פחד! א פחד וואס שרייעט אל תסתרו!

---

[נג] אבות פ"ו מ"ב.

זאגט דער רבי דא, אז ס'איז דא אזא מין הייליג ספר, וואס שרייעט אזא מין סארט 'אל תסתרו', אז גאר די הויכע סארט מענטשן - די הויכע סארט מענטשן - וואלטן אינגאנצן נישט געקענט זיין קיין יחוד אין דער וועלט! אזא מין סארט 'אל תסתרו' שרייעט דער ספר! אזוי שרייעט ער 'אל תסתרו'.

דאס איז דער תמצית פון דעם תירוץ! אז ס'איז דא אזעלכע צדיקים וואס מאכן אזא מין יחוד למעלה, א געוואלדיגן יחוד למעלה, און ס'איז זייער חביב, און דער ספר איז אזוי הייליג, אזוי געוואלדיג, ער שרייעט 'אל תסתרו', פאלט א פחד אויף זיי - אויף די גדולים, די קדושים, קען נישט זיין קיין יחוד ביי זיי, איז דאס א געוואלדיגע קלקול למעלה, זאגט מען אונטן 'אז דער ספר דארף ווערן פארברענט'!

*

טאקע פלעגט מען רעדן, ווען דער 'ספר הנשרף' וואלט געווען ארויס, וואלט עס אזויפיל געמאכט אזא מין - אין די וועלט אריין, ס'וואלט געווען צדיקים וואס וואלטן נישט געקענט האבן בשום אופן קיין יחוד! אזא מין יראה וואלט דאס ארויסגעגעבן, צדיקים וואלטן נישט געקענט זיין יחודא תתאה, אזא מין סארט 'אל תסתרו' וואלט דער ספר ארויסגעשריגן![נז]

דאס איז דאך אינגאנצן געווען דער תירוץ, דאס איז א געוואלדיגע תירוץ!

*

"דער טירהאוויצער מגיד" - איהם האט דער רבי געמיינט, ער איז געווען דער, ער איז געווען דער![נח] קומט אוים, ער האט געוואוסט וואס דער רבי זאגט דא, און ער האט געוואוסט וואס הייסט דאס דאזיגע!

און דער רבי ברענגט דעם מדרש[נט] 'שמי שנכתב בקדושה, ימחה בשביל להטיל שלום בין איש לאשתו', זאגט דער רבי דאס איז דער זוג הקדוש, דער זוג הקדוש פון דעם צדיק און די צדיקת, דאס איז דער להטיל שלום בין איש לאשתו,

---

[נז] עי' שיש"ק ד' נ"ו

[נח] עי' שיש"ק ד' נ"ה.

[נט] שבת דף קט"ז ע"א

דאס איז דער בין איש לאשתו, מאכן דעם זוג הקדוש ס'זאל נישט בטל ווערן זייער יחוד, צוליב דעם זאגט דער אויבערשטער 'שמי שנכתב בקדושה ימחה'! גיבט דער רבי אנצוגעבן אז דאס איז דער ספר! (כי הספר הוא בחינת שם ה', עי' בלקו"מ בפנים).

דער מדרש זאגט, 'שמי שנכתב, ימחה בשביל להטיל שלום', ווער איז דער שלום בין איש לאשתו? דאס איז דער זוג הקדוש - 'דהיינו זוג הקדוש'! דער רבי ברענגט פשט פון מדרש 'להטיל שלום בין איש לאשתו' - 'דהיינו זוג הקדוש', און צוליב ס'זאל נישט בטל ווערן דער שלום פון זיי - - ס'איז א 'רוח קנאה', רוח קנאה איז אזא מין יראה, א מין פחד, א מין געוואלדיגער געשריי, ערווארפט א פחד! איז דער ספר אזוי גרוים, ער גיבט ארוים אזא מין פחד, אזא מין יראה ווארפט ער ארוים פון זיך, אז ס'קען בשום אופן נישט זיין (יהודא תתאה) - - אבער פון אויבן וויל מען דאך אבער אז ס'זאל זיין דער שלום ביי דעם 'זוג הקדוש', זאגט מען 'ימחה'!

*

ער (המגיד מטירהאוויצע) האט טאקע דערפילט דעם ספר, ער האט געוואוסט אז ער - וואס דער רבי זאגט! (שעליו הכוונה).

האט ער געזאגט - **'רבי איר זענט א חידוש', 'רבי איר זענט א חידוש'!**

האט דער רבי געזאגט; 'יקותיאל סערצע' (סערצע הייסט 'הארציגער', דאס איז א אוקריינישווארט), **'יקותיאל סערצע' איך בין א חידוש?!** - - ('חידוש כמוני עדיין לא היה בעולם')![ס]

(להלן יבואר עוד מענין תורה הזו).

*

(השואל; נאכ'ן פארברענען דער ספר הנשרף האט דער רבי געזאגט די תורה? - רצ"ל שמדבר שם ממה שהצדיקים שורפים תורותיהם וכו'), ס'איז נישט קיין ראי', ס'ווייזט אוים אז ניין! 'מען דארף מעביר זיין' (רצ"ל שרבינו אומר שם 'שצריכין לשורפה', לא שנשרפו כבר).[סא]

[ס] הושלם עפ"י חיי מוהר"ן אות רמ"ז, ועיי"ש אות רמ"ו בלשון זה; "אזוי א חידוש איז נאך ניט געווען און סע וועט ניט זיין"! ועי' גם ימי מוהרנ"ת סוף אות ס"ד.

[סא] עי' להלן שמבואר דלפי המובא בחיי מוהר"ן, נמצא שתורה זו אכן נאמרה אחר שריפת הספר הנ"ל.

די מעשה איז אזוי, דער 'ספר הנשרף' איידער ער איז געווארן פארברענט, האט מען דאך אויך נישט געהאט פון איהם גארנישט (לא נתגלה בעולם), רבי נתן האט איבערגעשריבן - ער האט מעתיק געווען, האט רבי נתן נישט אריינגעקוקט אינעם רבי'נס כתב, די רבי האט געהאלטן ביי זיך דער כתב, רבי נתן האט מעתיק געווען, דער רבי האט פאָרגעזאגט אות באות, רבי נתן האט דאס איבער געשריבן, דאכצעך - דריי אהאלב שעה האט דאס גדויערט - - - [סב]

(כאן חסר קצת בהטייי"פ ההמשך).

*

- - - (לומד מתוך לשון האידרא בזוהר הק'): '**כד פתח רבי שמעון ברזי דרזין, אזדעזע אתרא, וחברין אתחלחלו, גלי ברזין ופתח ואמר**'[סג] וכו' - אז רבי שמעון האט אנגעהויבן 'רזי דרזין', האט אנגעהויבן ציטערן דאס ארט, און די חבירים האבן געציטערט, 'גלי ברזין' - האט רבי שמעון אנגעהויבן 'ברזין' - נישט קיין 'רזי דרזין'!

איך האב עס געזאגט אמאל צו ר' אלחנן, האט ער געזאגט, אז ער האט אנדערש געלערנט פשט דעם זוהר, אבער ס'איז איהם געפאָלן, דעם רעיון איז איהם געפאָלן - -

רבי שמעון האט אנגעהויבן 'רזי דרזין', אבער נאכדעם האט ער שוין אנגעהויבן 'רזין'. און ביים רבי'ן אויך אזוי; 'רזין דרזין' קען נישט זיין, און דער ספר איז רזין! (אחד מהנוחכים; ביים רבי'ן איז 'רזין' אויך נישט געבליבן, 'רזין' האט ער אויך פארברענט).[סד]

*

[סב] עי' ימי מוהרנ"ת אות כ"ו, ובמכתב הסתלקות מוהרנ"ת שבסו"ם עלים לתרופה.

[סג] אידרא רבה, פרשת נשא דף קכ"ח ע"א.

[סד] עי' חיי מוהר"ן אות קע"ה; ... כִּי כָּל אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁנִּדְפְּסוּ הֵם בְּחִינַת סֵפֶר הָרִאשׁוֹן, כִּי כֻּלָּם הֵם בְּחִינַת נִגְלֶה שֶׁלּוֹ, (אַף עַל פִּי שֶׁאֵצֶל כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ הוּא גָּבוֹהַּ יוֹתֵר מֵרָזִין דְּרָזִין, כִּי כָּל תֵּבָה וְתֵבָה שֶׁל סְפָרָיו שֶׁנִּדְפְּסוּ הִיא מְלֵאָה סוֹדֵי סוֹדוֹת וְרָזִין דְּרָזִין עַד אֵין סוֹף כַּמּוּבָן לַמַּשְׂכִּיל, אַךְ אֶצְלוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָיָה כָּל זֶה בְּחִינַת נִגְלֶה). וְהַסֵּפֶר שֶׁצִּוָּה לִשְׂרֹף כְּשֶׁהָיָה בְּלֶמְבֶּרְג זֶה הוּא סֵפֶר הַשֵּׁנִי וְהִיא בְּחִינַת רָזִין שֶׁלּוֹ, וְזֶה הַסֵּפֶר הַשֵּׁנִי הֶעְתַּקְתִּי לְפָנָיו בִּשְׁנַת תקס"ו ... וְעוֹד הָיָה לוֹ סֵפֶר שְׁלִישִׁי וְהוּא סֵפֶר הַגָּנוּז, שֶׁלֹּא נָגַע בּוֹ שׁוּם יַד אָדָם וְלֹא שְׁזָפַתּוּ עַיִן, וְהוּא בְּחִינַת רָזִין דְּרָזִין שֶׁלּוֹ...

# רבי שמעון - שבת לה' קודש

דער לשון אין זוהר הק' ביי די אידרא, ביים סוף, ווען ס'האט זיך געענדיגט דער אידרא, 'והוה קארי להו רבי שמעון שבעה אנן'[סה], ס'איז געבליבן נאר 'זיבן', רבי אבא איז ארומגעגאנגען געוואלדיג צוטראגן וואס די דריי צדיקים זענען אוועק - די דריי חברים (כמסופר שם באידרא, הובא לעיל). רבי אבא איז געווען 'עציב', רבי שמעון איז געווען פריילּיך.

'יומא חד' איז געזעסן רבי שמעון און ר' אבא, האט ר' שמעון געזאגט א 'זאך' (הזכיר איזה שם קודש), האט רבי אבא געזעהן די 'דריי' ווי מען האט זיי געבראכט - מלאכין עלאין האבן זיי געזעהן, און מען האט זיי געוויזן די אוצרות מיט די אידרין וואס ס'איז באהאלטן פאר זיי - פאר די דריי צדיקים, דעמאלטס איז געווארן 'נח דעתיה דרבי אבא', ער איז געווארן רוהיג - רבי אבא.

ער איז געווען געוואלדיג עציב, אזעלכע דריי צדיקים, ר' חזקיה, מיט ר' יוסי ב"ר יעקב, מיט ר' ייסא, האט רבי שמעון געזאגט א זאך, האט ער שוין געזעהן ווי זיי זענען, איז געווארן נח דעתיה!

האט זיך אנגערופן רבי שמעון 'שבעה אנן עיני ה' דכתיב שבעה אלה עיני הוי"ה', 'אמר רבי אבא אנן שיתא - אנת הוא שביעאה' - מיר זענען טאקע 'שיתא', אבער 'אנת הוא שביעאה דכולא, דהא לית קיומא לשיתא בר משביעאה'! די 'שיתא' האבן נישט קיין קיום אן דעם 'שביעאה', אלע הענגען אן אין דעם שביעאה -דכולא תלי בשביעאה!

דאס האט שוין רבי יהודא געזאגט; 'שבת' - 'מה שבת להוי"ה קודש', 'אוף רבי שמעון שבת להוי"ה קודש'.

*

האט זיך אנגערופן רבי שמעון; 'איך וואונדער זיך, פארוואס אליהו איז נישט געוועזן? 'דער איבערשטער איז געוועזן מיט אלע צדיקים ביי די אידרא, און אליהו איז נישט געוועזן', א וואונדער "על ההוא חגיר חרצן" - מיינט ער אליהו'ן, "מאריה דשערי", פארוואס האט ער זיך נישט געפונען ביי די אידרא?!

---

[סה] בסוף האידרא, פרשת נשא דף קמ"ד ע"ב.

איז ער באלד געגעבן א קום אן (אליהו הנביא), האט איהם רבי שמעון געזאגט; 'מאי טעמא לא שכיח מר - ביי די זאך וואס ס'איז דא געווען'? (די אידרא). האט ער איהם געזאגט (אליהו לר' שמעון) די גרויסקייט דארטן פון די אידרא, ווי ס'איז אויבן זייער חשוב, נאר - "דער אויבערשטער האט מיך געשיקט צו 'רב המנונא סבא' מיט זיין חברייא, זיי זענען געווען פארשפארט ביים קיסר אויף צו הרג'ענען, האט דער אויבערשטער מיך געשיקט איך זאל טוהן ניסים פאר זיי, האב איך געמאכט א נס - איך האב צובראכן דארטן דעם פאלאץ און זיי ארויסגעראטעוועט, און ס'איז אויסגעשטארבן דארטן אין דעם טאג פינף און פערציג שרים פונעם קיסר, און ער האט ארויסגעראטעוועט רב המנונא סבא - מיט די חברייא זיינע - קיין 'בקעת אונו', און דארטן זענען זיי געווארן געראטעוועט, און דארטן האט ער זיי געטראגן עסן ברויט מיט וואסער, זיי האבן שוין דריי טאג נישט געגעסן, און איך האב זיך נישט אפגעשיידט פון זיי א גאנצן טאג, דערפאר האט ער נישט געקענט זיין דא"!

(המשך מדברי אליהו הנביא) "אז איך בין געקומען אויף צוריק, האב איך געזעהן די 'דריי צדיקים', האט מען מיר שוין דערציילט פון די אידרא" - פון רבי שמעון'ען, און ער זאגט איהם אז "זכאה אנת רבי שמעון, וזכאה חולקך"!

"און אין דעם טאג האט מען געגעבן 'פופציג קרוינען' פאר רבי פנחס בן יאיר" - דער שווער פון רבי שמעון, ער האט שוין נישט געלעבט ר' פנחס בן יאיר, האט מען געגעבן פופציג קרוינען פאר ר' פנחס בן יאיר. "איך בין געגאנגען מיט איהם אויסווארטן די קרוינען וואס מען האט איהם געשענקט, דאס איז 'כתרין'". (עד כאן מדברי אליהו שם בסוף האידרא).

*

# זיך נישט אפשיידן פונעם צדיק

וואס דארפן מיר האבן דערפון?

אז נאך דער אידרא האבן זיי געזאגט 'מען טאר זיך נישט אפשיידן פון רבי שמעון'ען אפילו קיין איין רגע! אזוי האבן געזאגט די חברייא - 'תאנא מההוא יומא לא אעדו חברייא מבי רבי שמעון'! מיינט דאס אזוי, מיר דארפן זיין עפעס אביסל מער נענטער צום רבי'ן! אביסל מער דבוק! מער נענטער צום רבי'ן - אביסל מערער, מיט לערנען די ספרים, און מיט די עצות און אפילו נאר - -

וואס איז פשט זיי האבן נישט אפגעטרעטן פון רבי שמעון נאך דעם אדרא? ווי קען דאס זיין אין די וועלט, זיי האבן זיך קיין איין רגע נישט אפגעטיילט פון איהם?!! זיי האבן דאך געהאט א היים אויך! זיי האבן געהאט א היים, זיי זענען דאך נישט געווען כסדר ביי ר' שמעון, אין זוהר הק' שטייט אז זיי זענען געווען 'כמה פעמים' ביי רבי שמעון אין שטוב, 'כמה' - נישט אסאך מאל זענען זיי געווען ביי רבי שמעון!

דער זוהר אין תרומה דערמאנט דארטן אז זיי זענען געווען ביי רבי שמעון אין שטוב, אבער זיי זענען דאך נישט געווען כסדר ביי רבי שמעון אין שטוב?! זיי זענען געווען תנאים, תנאים אין נגלה אויך! וואס איז פשט זיי האבן זיך נישט אפגעטיילט?

ווייזט אויס אז דאס איז נישט קיין "גשמיות'דיגע זאך", זיי האבן געהאט תמיד "אינזין" דעם רבי שמעון'ען! זיי האבן נישט אפגעלאזט רבי שמעון'ען פונעם "געדאנק"! זיי זענען תמיד געווען מקושר צו איהם דארטן אויף א הויכן סארט אופן, אויף זייער ערך! תנאים![סו]

אבער אין א קלענערע בחינה, אין א ערך ביי אונז, דארף עס אויך זיין אז דעם רבי'ן דארף מען כסדר אינזינען האבן! אזוי ווי דער רבי האט געזאגט קעגן דער שוחט מיט דער שטוהל; "דו האסט מיך אלע טאג אינזינען געהאט א שעה"![סז] מען דארף אינזינען האבן דעם רבי'ן כסדר! אז מען האט אינזינען דעם רבי'ן - - -

מיט וואס אינזינען האבן? מיט וואס אינזינען האבן? איז אויך יעדער איינער אין זיין ערך, מען קען נישט צוגלייכן, דער גרויסער עובד האט אינזינען דעם רבי'ן! און דער קלענערער! אבער ביים אויבערשטן איז אלסדינג - ס'איז דא א בחינה וואס יעדער איינער אין זיין ערך - -

[סו] עי' זוה"ק פרשת תרומה דף קמ"ט ע"א; ... תַּוַּהְנָא עַל חַכִּימֵי דָּרָא, הֵיךְ שַׁבְקִין אֲפִילוּ רִגְעָא חֲדָא לְמֵיקָם קָמֵי דְּרַבִּי שִׁמְעוֹן לְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא, בְּעוֹד דְּרַבִּי שִׁמְעוֹן קָאִים בְּעָלְמָא...

[סז] שיח שרפי קודש א' תקט"ז; כְּשֶׁהֵבִיא הַשּׁוֹחֵט מִטֶּעפְּלִיק אֶת הַכִּסֵּא שֶׁעָשָׂה לְרַבֵּנוּ, כַּמְּסֻפָּר בַּסֵּפֶר "חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן" (סימן פד), שָׁאַל אוֹתוֹ רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ-לִבְרָכָה: "כַּמָּה זְמַן עָשִׂיתָ אוֹתוֹ"? עָנָה: "שֶׁעָבַד כְּשָׁעָה אַחַת כָּל יוֹם בְּמֶשֶׁךְ חֲצִי שָׁנָה", כִּי הָיָה כִּסֵּא נָאֶה וּמְצֻיָּר בְּצִיּוּרִים נָאִים. אָמַר לוֹ רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל: "אַזוֹי! הָאסְטוּ מִיר אִין זִינֶען גִּיהַאט אַהַאלְבּ יָאר אַלֶע טָאג" ! - (= כך! חשבת עלי במשך חצי שנה כל יום!) (אֲבָנֵי"הָ בַּרְזֶל, שם ס"כ).

דאס איז דער פשט - זיי האבן זיך קיינמאל נישט אפגעלאזט פון רבי שמעון נאך דער אדרא! זיי האבן איהם כסדר נישט אפגעלאזט!

אפילו ביי אזעלכע גדולים קען מען נישט זאגן אז ס'איז געווען בגשמיות ממש, מוז מען זאגן עפעס א מין 'הארה' - א מין 'לעבטיגקייט', 'דאס' האבן זיי קיינמאל נישט אפגעלאזט פון זיך! זיי האבן קיינמאל נישט ארויס גענומען דער גדאנק פון רבי שמעון - כסדר ווי זיי זענען געגאנגען, ווי זיי זענען געשטאנען, דאס איז געווען ביי זיי!

*

נו, מען קען דאך נישט רעדן אזעלכע הויכע זאכן, דאס איז דאך געוואלדיגע שמועסן, אבער על כל פנים א 'מעין' דערפון קומט דאך אוים - אז מען דארף אינזינען האבן דעם רבי'ן! וואו מ'גייט און וואו מ'שטייט דארף מען אינזינען האבן![סח]

דאס איז דער צדיק! דאס איז דער תיקון אונזערע! דער תיקון פון דער גאנצער וועלט! דער תיקון פון די גאנצע - וואס מען קוקט ארויס אויף די ישועה - איז אלץ תלוי אין דעם צדיק!!

ממילא, אז מען וועט האבן אזעלכע גדאנקן, דאס איז א בחינה 'מען לאזט איהם נישט אפ', ממילא איז דאס מסוגל צו האבן א הרהור תשובה, ס'איז מסוגל, ס'איז מסוגל.[סט]

* * *

---

[סח] ליקוטי הלכות הל' שלוחין הל' ה' אות ט"ז; ... 'אָקוּמָה נָּא וַאֲסוֹבְבָה בָעִיר בַּשְּׁוָקִים וּבָרְחֹבוֹת', וְאִיתָא בַּמִּדְרָשׁ שָׁם, בַּכְּרַכִּים וּבַמְּדִינוֹת, 'אֲבַקְשָׁה אֵת שֶׁאָהֲבָה נַפְשִׁי' זֶה מֹשֶׁה, 'בִּקַּשְׁתִּיו וְלֹא מְצָאתִיו'. כִּי צְרִיכִין לְבַקְּשׁוֹ וּלְחַפְּשׂוֹ מְאֹד מְאֹד בָּעִיר וּבַשְּׁוָקִים וּבָרְחוֹבוֹת בַּכְּרַכִּים וּבַמְּדִינוֹת, כִּי בְּכָל הָעֲסָקִים שֶׁעוֹשִׂין, הֵן תּוֹרָה וּתְפִלָּה וּמִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, וְהֵן מַשָּׂא וּמַתָּן וּשְׁאָר עֲסָקִים, צְרִיכִין לְכַוֵּן בְּכָל עֲשִׂיָּה שֶׁעוֹשִׂין, וּבְכָל דֶּרֶךְ וְעִיר וּכְרַךְ שֶׁהוֹלְכִין, אוּלַי יִזְכֶּה עַל יְדֵי עֵסֶק וּנְסִיעָה זֹאת לִמְצֹא אֶת שֶׁאָהֲבָה נַפְשׁוֹ, זֶה מֹשֶׁה, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַצַּדִּיק הָאֱמֶת הַנַּ"ל, כִּי כָּל חִיּוּתוֹ וְתִקְוָתוֹ לָנֶצַח, וְזַרְעוֹ וְכָל דוֹרוֹתָיו עַד סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת, וְכָל הַנְּפָשׁוֹת וְהָעוֹלָמוֹת הַתְּלוּיִים בּוֹ וּבְזַרְעוֹ, כֻּלָּם תְּלוּיִים בְּהַצַּדִּיק הָאֱמֶת הַנַּ"ל...

[סט] ע' שיש"ק ב' י"ז; רַבֵּנוּ אָמַר, בְּכָל פַּעַם שֶׁנִּזְכָּרִים בִּי, נַעֲשִׂים כְּקָטָן שֶׁנּוֹלַד מֵחָדָשׁ. "וֶוען מִ'דֶערְמָאנְט זִיךְ אִין מִיר אִיז מֶען כְּקָטָן שֶׁנּוֹלַד". ועי' גם שם אות מ"ז.

# א גוטער תירוץ!

אז דער טירהאוויצער מגיד האט געהערט פון רבי'ן אזא מין תורה (תורה ל"ב תניינא, כדלעיל), פארשטייט מען ווי אזוי ער איז ארויס פון די כלים, ס'איז דאך א געוואלד ווי ער איז ארויס פון די כלים!

אויך, אז מען לערנט דער תורה אביסל מיט מער עמקות, מיט אביסל מערער - שיינט עס בעסער! אזא מענטש וואס ער איז געווען, און ער האט געוואוסט וואס דא ליגט אין דער תורה, ביי אזויפיל צדיקים איז ער געווען - ביי אסאך צדיקים, און זיי האבן איהם נישט געענפערט, מען האט איהם נישט געענפערט קיין תירוץ מספיק, און דאס איז דער אמת'ער תירוץ מספיק!

- ס'איז פארהאן תנאים וואס זיי האבן ארויסגעגעבן אזעלכע ספרים, אז זיי געבן ארויס זייערע ספרים, אזא מין קדושה, אז מין סארט רוח קנאה, אז מין סארט פחד, וואלט געווען געפאלן - אז ס'וואלט בטל געווארן דער 'יחודא תתאה'! און דאס וויל מען נישט אויבן, זאגט מען; 'דער ספר מוז אוועקגיין פון די וועלט', 'שמי שנכתב בקדושה ימחו'! 'להטיל שלום' מיינט מען דער זוג הקדוש פון דעם יחוד!

*

(השואל; דאס איז געווען דעם לעצטן פרשת יתרו פון רבי'ן?), פרשת יתרו תקס"ט איז איינער פארן לעצטן, אה! 'חיים נצחים' (תו' ע"ב תניינא) איז געווען תק"ע[ע].

(השואל; נו, האט ער געווארט אזוי לאנג מיט די קושיא - כמבואר עליל שהמגיד הקשה קושיא זו לכמה צדיקים?) ווייזן ווייזט אזוי אוים! צדיקים אז זיי ווילן פרעגן א צדיק א קושיא, האבן זיי מורא צו פרעגן, טאמער וועלן זיי נישט ענטפערן, ער קען האבן חלישות הדעת דארטן!

ער האט געהאלטן דעם רבי'ן זייער גרויס, אבער ער האט מורא געהאט צו פרעגן דעם רבי'ן, טאמער וועט דער רבי נישט ענטפערן, ווייל אסאך האבן נישט געענטפערט, ביז ער האט דערזעהן אז דער רבי איז אזוי גרויס אז ער קען שוין פרעגן, ער האט שוין נישט געהאט קיין מורא, ער וועט יא קענען ענטפערן!

*

[ע] כל זה מבואר בחיי מוהר"ן אות נ"ט - סדר הזמנים של אמירת התורות. ועי' עוד שם אות נ"ב, ותמ"ו.

(ר' נחמן בורשטיין ז"ל: דאס איז לויט דער דעה אז ער האט 'געפרעגט'?)[עא] אפילו אז נישט, איז אויך דא דאס איינגנע! (היינו הך), אז ער איז געקומען צום רבי'ן מיט די דעה, איז גלייך ווי ער וואלט געפרעגט!

אין חיי מוהר"ן[עב] שטייט אז ער האט גערעדט פון די שאלה מיט כמה צדיקים גדולים, 'ולא מצא בפיהם מענה על זה, עד ששאל את פי רבינו ז"ל', דא שטייט 'שאל'! יא.

'ואמר שבשעה שאמר רבינו ז"ל מאמר הנ"ל', האט ער געזעהן 'להבות אש יוצאה מפי רבינו ז"ל' - "פלאקער פייער"!! 'ולא היה יכול לצייר לעצמו כלל' ווי קען מען דאס אויפשרייבן אויף א ספר?! נאך שבת איז געקומען רבי נתן, האט ער געבראכט דעם מאמר 'כתוב על הספר והתפעל המגיד מאוד על זה'!! ער האט זיך זייער פארוואונדערט זיך!

(ר' נחמן בורשטיין ז"ל, קורא מתוך חיי מוהר"ן מהדפוסים ישנים בהשמטות שבסוף הספר ששם מובא הנוסח קצת שונה: דא איז דער נוסח וואס איר זאגט, ביים סוף, אין די השמטות, אז ר' יצחק האט זיך נאכגעפרעגט ביים שווער דער מגיד אויף די ווייב און קינדער, האט ער געזאגט ר' יצחק דער איידעם, פארוואס פרעגסטו נישט פון וואנעט איך קום?! 'גוט, פרעג איך פון וואנעט קומט איר'! פארוואס פרעגסטו נישט וואס האב איך געטוהן דארטן?! 'פרעג איך וואס האט איר דארט געטוהן'. זאגט ער עס האט מיר געארט די קושיא, און איך האב געפרעגט אלע חברים, זיי האבן נישט געענטפערט קיין שום תירוץ, האב איך זיך מיישב געווען איך וועל זיין ביים רבי'ן וועל איך איהם פרעגן, און איך בין געווען ביים רבי'ן און דער רבי האט געפרעגט די קושיא [רצ"ל מעצמו], און ער האט דאס געענטפערט!)

אה! זעהסטו שוין, דאס איז שוין די גירסא - אז דער רבי האט (אליין) געפרעגט און דער רבי האט געענפערט! איך האב געוואוסט אז ס'איז דא אזא מין דעה, אז ער האט נישט געפרעגט דעם רבי'ן, דער רבי האט געפרעגט, און דער רבי האט געענטפערט, דערפאר איז ער דאך געוואלדיג נתפעל געווארן!

---

[עא] רצ"ל, כי יש דעה שהמגיד מטירהאוויצע לא הספיק להציע את קושיתו לרביז"ל, אלא שרביז"ל השיג מחשבתו שרוצה לשאול, עי' להלן.

[עב] חיי מוהר"ן אות תר"ז, הובא לעיל בארוכה.

(רנ"ב; ער שרייבט "שמו ר' יצחק אייזיק" - שם באותו דפוס של חיי מוהר"ן) אוודאי איז עס א גרייז, "שמו ר' יצחק", ר' יצחק אייזיק מטירהאוויצע - איז אן אנדערער געווען! (רנ"ב; דער וואס די רבי האט איהם געזאגט אז ער זאל נישט רעדן א יאר צייט).[עג]

*

# ווי עפעס 'רעכט' האט ער פארכאפט...

דער רבי יצחק חתן המגיד, רבי אברהם ר' נחמן'ס ברענגט איהם,[עד] ער איז געווען אזוי ווי עס שטייט אויף שאול המלך "משכמו ולמעלה" וכו', ער איז געווען העכער פון אלע, א געוואלדיגער יפה תואר איז ער געווען, און א געוואלדיגער חכם, און כמה מעלות, ער איז געווען א געוואלדיגע מענטש - דער רבי יצחק! עפעס א געוואלדיגער מענטש ער איז געוועזן!

און דער טירהאוויצער מגיד האט געוואוסט גוט אז דער ר' יצחק ער וועט זיך נישט צופאסן אזוי גיך, ער האט געקענט גוט דער איידעם, ער האט געוואוסט ווער ער איז, האט דער טירהאוויצער מגיד איהם געזאגט די זאך - האט ער איהם גוט אריינגעזאגט דער זאך פון די תורה (ל"ב הנ"ל)! מיר האבן גארנישט קיין געפיהל אין דעםווארט!

*

ער (ר' יצחק) איז מקורב געווארן נאך סמ"ך (תק"ס), די טירהאוויצער מגיד האט איהם געזאגט אזעלכע זאכן אז ס'זאל איהם אריין, ער איז שוין געווען מקורב! (רנ"ב; ער ברענגט - בהשמטות הנ"ל - אז דער טירהאוויצער מגיד האט איהם געזאגט אז יעדער איינער דארף האבן א רבי'ן, האט זיך אנגערופן דער איידים צום שווער; 'איר זענט מיין רבי'! האט דער מגיד געזאגט; 'קיין אייגענעם קען מען נישט מאכן פאר קיין רבי'!!) יא, (רנ"ב; ער שרייבט אז ער האט איהם געפרעגט וועם זאל איך מאכן? האט ער איהם געזאגט דו זאלסט פארן צו אלע צדיקים -)[עה] - 'נאר פאר צו מיין רבי'ן אויך'!! (רנ"ב; דו זאלסט קוקן בעין האמת און ווער ס'וועט דיר געפעלן - - נאר ביים מיין רבי'ן זאלסט אויך זיין!).

---

[עג] עי' הסיפור בכוכבי אור אנשי מוהר"ן אות כ"ה.

[עד] עי' כוכבי אור אנשי מוהר"ן אות כ"ד.

[עה] עי' ליקוטי הלכות הל' שבת ד' אות י"ג.

דאס האט נישט קיין שייכות צו דער תורה (ל״ב הנ״ל).

*

מען ווייסט דאך, אז בשעת רבי נתן איז געווארן מקורב, תקס״ב אלול, האט דער רבי געזאגט צו ר׳ יצחק דער מגיד׳ס; ״ס׳איז מקורב געווארן צו מיר היינט א יונגערמאן - האט דער רבי זייער משבח געווען רבי נתן׳ען פאַר׳ן טירהאוויצער מגיד׳ס איידעם - אז ער איז א שטיקל בלאטע ביי זיך״[עו], איז ער דאך שוין ס״ב געווען מקורב! און מען ווייסט דאך אז ער איז מקורב געווארן אין די צוויי יאר (שהיה רביז״ל דר בזלאטיפאלע, בשנות תקס״א - תקס״ב), אין די צוויי יארן איז ער געווארן מקורב!

דער טירהאוויצער מגיד האט געוואלט אריינגעבן אין זיין איידעם אריין, ער האט געהאט א געוואלדיגע געפיהל, ער האט געהאט א געוואלדיגע התפעלות, און ער האט דאס געוואלט אריינגעבן אין זיין איידים, דער איידעם זאל וויסן!

*

דער בארדיטשוב׳ער רב האט איהם אמאל געזעהן אין טירהאוויצע (ר׳ יצחק) - - דער בארדיטשוב׳ער רב איז געווען אין טירהאוויצע, האבן אונזערע לייט געמאכט א סעודה פאר איהם לכבודו, נאכדעם האט ער אסאך גערעדט דעם רבי׳נס גרויסקייט - ביים טיש, עס איז אריינגעקומען דער טירהאוויצער מגיד׳ס איידעם, איז ער נתפעל געווארן פון זיין צורה, (ושאל הרה״ק הנ״ל אודותיו); ׳צו וועמען איז ער מקורב געווארן׳? ׳צו וועם איז ער מקורב׳? - די צדיקים זיי זענען מבינים - האט מען איהם געזאגט ׳אז ער איז מקורב צום רבי׳ן׳! (ענה ואמר) ׳אה, איך פאָר דאך ארום, ווי עפעס רעכט - האט ער פארכאפט׳![עז]

דער בארדיטשוב׳ער רב - מען האט געמאכט לכבודו א סעודה, און דער בארדיטשוב׳ער רב האט גערעדט דאס גרויסקייט פונעם רבי׳ן ביים טיש!

*

---

[עו] עי׳ חיי מוהר״ן אות של״ח.

[עז] עי׳ חיי מוהר״ן אות של״ג בדברי המעתיק, ובאבני״ה ברזל - שיחות וסיפורים מרביז״ל אות כ״ח.

(רנ"ב; קורא מתוך ספר אבני"ה ברזל בענין השיחה שהמגיד מטירהאוויצע ראה את הכתבים של רביז"ל אצל חתנו רי"צ, וראה שם את התורה 'אמור אל הכהנים' - תו' ב' מלקו"מ, ענה ואמר -) (רלוי"צ מסיים דבריו); וואס זאל איך זאגן; ס'איז זוהר?! ס'איז העכער פון זוהר! ס'איז תיקונים?! ס'איז העכער פון תיקונים!

(כאן משוחח רלוי"צ עם רנ"ב בענין מה שמקשר שם באבני"ה ברזל ענין זה עם מעשה שא' דיבר מלשינות נגד רביז"ל וכו', אולם רלוי"צ אמר על המעשה הנ"ל;) 'דאס איז א באזונדערע זאך געווען'!

דער טירהאוויצער מגיד האט געזעהן ביים רבי'ן בכתב די תורה 'אמור אל הכהנים' (תו' ב'), ווען דער תורה איז געזאגט געווארן - ווייסט מען אויך נישט, עס איז געזאגט געווארן איידער רבי נתן איז מקורב געווארן!

דאס ווייסט מען אז די תורה 'אנכי' (תו' ד') איז געזאגט געווארן אין זלאטיפאליע - דאס ווייסט מען יא, און 'אמור אל הכהנים' ווייסט מען נישט ווען ס'איז געזאגט געווארן!

ער האט עס געזעהן בכתב ביים רבי'ן, ס'קען זיין ער האט עס גארנישט געהערט פונעם רבי'ן, האט ער עס געזעהן בכתב ביים רבי'ן, ער איז דאך נישט געווען ביים רבי'ן אלעמאל, ער פלעגט זיין ביים רבי'ן - דאכט זיך צוויי מאל א יאר - פרשת יתרו און פרשת ואתחנן, ער איז געווען עפעס צוויי מאל א יאר ביים רבי'ן - דער מגיד מטירהאוויצע, און דא איז געווען יתרו (היינו בתו' ל"ב, כמבואר בחיי"מ), האט ער דאך נישט געהערט אלע תורות, ס'קען זיין אז די תורה 'אמור אל הכהנים' האט ער געזעהן נאר בכתב, און ער האט עס פון רבי'ן אליין נישט געהערט, כאטשיג די תורה איז שוין געזאגט געווארן, ער האט עס געזעהן נאר בכתב.

(א' שואל; ער האט עס געזעהן ביים איידים?) יא, ביים איידים! דער איידים איז שוין געפארן מערער - דער איידעם איז שוין געפארן מער צום רבי'ן ווי דער טירהאוויצער מגיד, דער טירהאוויצער מגיד איז דאך אליין געווען א צדיק מיט תלמידים, ער איז געפארן צום רבי'ן - אבער נישט אזויפיל ווי דער איידים, דער איידים איז שוין געפארן אלעמאל ביים רבי'ן.

*

דער טירהאוויצער מגיד׳ס אן אייניקל ״ר׳ גרשון״ - - (השואל: דורך ר׳ יצחק׳ן?) ניין, פון אן אנדערן, אויך פון א טאכטער, אבער נישט פון ר׳ יצחק! (השואל: זיהן האט ער נישט געהאט דער טירהאוויצער מגיד?) איך ווייס נישט! ר׳ גרשון האט געהאט א זוהן, איינער האט ער געהייסן ר׳ ׳יקותיאל׳, און ער האט געהאט א זוהן איינער האט געהייסן ר׳ ׳אברהם׳, און ר׳ אברהם האב איך נאך געקענט אין ברסלב, איך בין אנגעקומען דאס ערשטע מאל תרע״ה האב איך איהם געזעהן - אן אלטער יוד, א זקן, ער האט שוין קוים נישט געקענט רעדן, קוים וואס ער איז געגאנגען - ר׳ אברהם ר׳ גרשון׳ס זוהן, אזוי האט מען מיר געזאגט!

ער (ר׳ אברהם ר׳ גרשון׳ס) האט געהאט א זוהן, ער האט געהייסן טאקע ר׳ גרשון, נאכן פאטער.

ער (ר׳ אברהם) האט מיך געזאגט אז זיינער א ברודער האט געוואוינט אין טעפליק - ר׳ יקותיאל, איך האב איהם שוין נישט געטראפן.

*

# נוסחאות התפלה

(השואל: ר׳ יקותיאל איז געווען א בעל תפלה?) יא, אונזערע נוסחאות וואס מיר דאווענען (רצ״ל ימים נוראים) דאווענען מיר פונעם טירהאוויצע׳ן מגיד!

מען האט עס געהערט פון ר׳ יקותיאל׳ן, דער טירהאוויצער מגיד איז נפטר געווארן - ווייזט אויס איין יאר נאכן רבי׳ן, אדער אינעם יאר פונעם רבי׳ן - באלד נאכן רבי׳ן איז ער נפטר געווארן, אין די עי״ן׳ס.

דער ר׳ יקותיאל האט געדאוונט ביי ר׳ נתן׳ען, ביי עטליכע אין צוואנציג יאר האט ער שוין געדאוונט, אין די צדיק׳ס.

איך האב געהערט אז רבי נתן האט איהם אנגעטוהן דעם קיטל, און איהם צוגעשטעלט צום עמוד, אשרי (רצ״ל תפלת המוספין), ממילא האט ער געדאוונט מיט׳ן נוסח פון זיין זיידן, זיין זיידנ׳ס נוסח - דער טירהאוויצער מגיד.

*

(השואל; ר׳ נחמן טולטשינער האט געדאווענט די זעלבע צייט ווי איהם?) ניין, ר׳ נחמן טולטשינער האט אנגעהויבן דאווענען גאר נאכ׳ן רבי נתן׳ס הסתלקות שוין, ר׳ יקותיאל האט עטליכע יאר געדאווענט, האט ער געהערט דער נוסח פון ר׳ יקותיאל׳ן, האט ער זיך אויסגעלערנט אוודאי.

און ביים רבי׳ן איז נישט געווען קיין קביעות׳דיגע בעל תפלה! ׳מער׳ האט געדאווענט ר׳ חייקל - אבער נישט בקביעות! דער רבי האט געהייסן צוגיין דאווענען, דער רבי האט געקענט הייסן צוגיין איינער וואס קען גארנישט דאווענען - ר׳ אורי - שחרית מיט מוסף[עח], אבער בעל פה ווייסט מען אז דער רבי האט יא געהאלטן פון נוסח, דער רבי האט געהאלטן פון נוסח!

יעדער זאך איז דאך בהשגחה, דער נוסח וואס מיר דאווענען איז פארבליבן פון דעמאלטס, דאס האט מען נאך ביי ר׳ נתן געדאווענט (כנ״ל).

*

און אז ר׳ נחמן טולטשינער האט אנגעהויבן דאווענען, האט רבי נחמן איינגעפאסט דעם ניגון פון ׳מעין עולם הבא׳ אויף ׳ארשת׳! דאס האט ר׳ נחמן איינגעפאסט, און דעם עולם איז עס זייער געפאָלן, און נאך מוסף האט מען איהם געזאגט; ״רבי נחמן וועט שוין אלע יארן אזוי זאגן״! וועט שוין אלע יארן אזוי זאגן!

ביים רבי׳ן האט דאס געהייסן ׳דער פרומער ניגון׳, מען האט עס גערופן ביים רבי׳ן ׳דער פרומער ניגון׳ - דער ניגון פון מעין עולם הבא. (השואל; דאס איז אן אלטער ניגון שוין?) דער ניגון האט מען נאך געזונגען ביים רבי׳ן, מ׳האט עס גערופן ׳דער פרומער ניגון׳! (השואל; דאס וואס ער האט געהייסן חייקל׳ן זינגען?)[עט] יא יא, און פארבראכט אויף דעם א גאנצער נאכט - האט רבי נחמן איהם איינגעפאסט אויף ארשת.

דער ניגון ווייטער פון ׳היה עם פיפיות׳, איז אויך געווען דורך א סיבה וואס רבי נחמן האט איהם אריינגעפאסט, און אז ער האט איינגעפאסט - האט ער אזוי גוט אריינגעפאסט אז ס׳איז פארבליבן!

---

[עח] עי׳ שיש״ק ב׳ קל״ג.

[עט] עי׳ שיש״ק ב׳ קס״ד.

*

# אזוי האט געזאגט דער נחל נובע מקור חכמה...

(השואל; אזמר בשבחין, איז טאקע ממש דעם רבי'נס?) אזמר בשבחין איז דעם רבי'נס אן אייגענע תנועה - דעם רבי'נס אייגענע תנועה!

(השואל; דער רבי האט געזאגט און זיי האבן געענטפערט?) יא, דאס איז שוין געווען ביים סוף נאך לעמבערג, דער רבי האט נישט געקענט אזוי כאפן דעם אטעם, האט דער רבי אנגעהויבן זאגן (מנגן, בתנועה העליונה שמזמרין היום על 'ימינא ושמאלא' 'רשימין וסתימין'); 'אזמר בשבחין למיעל גוי פתחין' (והמשיכו ר' נתן ור' נפתלי את התנועה בלי התיבות); 'בא בא, בא בא'. זיי האבן איבערגעהאקט, האט דער רבי ווייטער אנגעהויבן ווייטער, האבן זיי אונטערגעהאלפן אביסל, דער רבי האט נישט געקענט ציהען לאנג אזוי דעם (אטעם).

דאס (התנועה העליונה הנ"ל) איז געווען א ניגון פון 'התעוררות'. און אמאל האט דער רבי אנגעהויבן (מנגן, בתנועה התחתונה שמזמרין היום על 'אזמר בשבחין' 'קריבו שושבינין' וכו') 'אזמר בשבחין', און געגאנגען אינגאנצן נאר דעם 'פרייליכען' (תנועה התחתונה, בלי התנועה העליונה הנ"ל), און אמאל איז דער רבי געגאנגען מיט א ניגון פון התעוררות (כנ"ל).

און בשעת דער רבי איז געווען פריער - פאר לעמבערג, האט דער רבי אליין געזונגען, און זיי האבן (מיטגעזונגען) שטילערהייט, אבער בשעת נאך לעמבערג, איז דאך דער רבי געווען שוואך, און אז דער דער רבי האט געזאגט א תנועה האט ער געמוזט אויפהערן אביסל - פארשטייסט?!

(מנגן בתנועה העליונה); 'אזמר בשבחין למיעל גוי פתחין', און דער רבי האט זיך אפגעשטעלט, האבן זיי געזאגט (מנגן); 'בא בא בא בא'.

*

אפילו בשעת נאכ'ן רבי'נס הסתלקות, דעם ערשטן ערב ראש חודש שבט, איז זעכציג מענטשן געקומען אומגעראכטן - מען האט נישט אפגערעדט! איז געקומען זעכציג מענטשן, און זיי האבן געהאלטן דארטן שבת, זיי האבן געגעסן

אלע צוזאמען שבת. (השואל: ס'איז געקומען ממש אלע, ר' יודל, ר' שמואל אייזיק?) ס'איז געקומען זעכציג מענטשן, אזוי האב איך געהערט!

און ס'איז געקומען צו 'אזמר בשבחין' און קיינער הייבט נישט אהן, דער רבי פלעגט דאך אנהויבן, האט רבי נתן זיך אנגערופן: "אזוי האט געזאגט דער 'נחל נובע מקור חכמה שלא טעם טעם חטא כל ימיו' 'אזמר בשבחין' (בנגינה), האב איך זיך אנגערופן מיט רבי נפתלי (מנגן:) 'בא בא בא בא'"!

נאכדעם האבן שוין אלע אנגעהויבן צו זינגען, אזוי האט ער עס אנגעהויבן, מיט דעם. ס'איז געווען א גוטע זאך אז רבי נתן האט אנגעהויבן!

*

אזוי האב איך געהערט, רבי נפתלי - דאס ערשטע מאל ער האט געהערט פון רבי'ן דער זמירות, האט ער זיך פארבונדן דער קאפ, אז דער קאפ זאל איהם נישט ווערן גערירט פונעם דביקות פונעם רבי'ן! ער האט געפיהלט אזא מין דביקות פונעם רבי'ן, האט ער זיך געמוזט פארבונדן דעם קאפ, אז דער קאפ זאל איהם נישט ווערן גערירט - ער זאל נישט אראפ פונעם זינען, אזא דביקות האט ער געפיהלט פונעם רבי'ן!

אז דער רבי האט אנגעהויבן זונגען 'אזמר בשבחין', פונעם תנועה פונעם רבי'ן- - רבי נפתלי איז געווען א מנגן, א מנגן פילט בעסער דעם ברען.

*

נאכדעם - רבי נתן פלעגט תמיד זינגען דעם פרייליכן אזמר בשבחין, (התנועה התחתונה. השואל: פון אנהויב ביזן סוף?) יא, דער רבי פלעגט זינגען אמאל אזוי און אמאל אזוי, אמאל האט דער רבי אנגעהויבן א התעוררות, אמאל האט דער רבי אנגעהויבן דעם פרייליכען, אזוי איבער געגאנגען דער גאנצער - -

און נאכדעם נאך דעם רבי'נס הסתלקות, האט רבי נתן געזינגען דעם פרייליכן, רבי נתן האט געוואלט נאר א שמחה - און רבי נפתלי האט געזינגען דעם התעוררות, און רבי נחמן טולטשינער האט שוין געמאכטביידע צוזאמען! אמאל אזוי, אמאל אזוי.

(יש פה אריכות בטייפ בסדר הנגינה, מנגן ההתעוררות לבד, ואח"כ הפרייליכער לבד, ומסדר איך לנגנם, ואיך שצירפם ר' נחמן טולטשינער ביחד [הוא בטייפ אחר שעה ו19 מינוט]).

די התעוררות איז נישט אלעמאל, מערערע מאל איז דא די פרייליכע, עטליכע מאל איז דא די התעוררות, נישט אלעמאל (רצ"ל באופן שסידרם ר' נחמן יש רוב פעמים התנועה העליונה).

'שכינתא' 'שכינתא', צוויי מאל שכינתא.

אויפהייבן דעם קול, הייבט מען אויף ביי 'רשימין וסתימין', און ביי 'בחמרא גוי כסא', און נאך צוויי מאל.

(השואל; מען זאגט חרשין?) וכל זיני חרשין.

*

(השואל; למבצע על רפתא זאגט מען נישט?) ניין! געזאגט - קען מען זאגן. אבער מיט די נגינה גייט עס נישט צוזאמען, דאס איז א באזונדערע זאך, אבער מיט די נגינה גייט דאס נישט צוזאמען.

(השואל; ויהא רעוא?) דער ויהא רעוא פלעגט זאגן פונעם שערי ציון, אויף ויהא רעוא איז דא א תנועה פון רבי סענדר'ן. (מנגן, עי' להלן).

(רנ"ב; רבי שמואל שפירא מיטן גאנצע חברייא פלעגן דאווענען אויף דעם ניגון, אין אלט שטאט פלעגן זיי דאווענען תפילה בכח אויף דעם ניגון), אוי, שמואל'ע שמואל'ע! (רנ"ב; זיי האבן געדאווענט מיט א געשמאק).

נאָכמאַכן א נוסח פון דאווענען קען מען נישט! רבי סענדער האט געהאט אזעלכע תנועות - פלעגט מען על פי רוב דאווענען מיט זיינע תניעות.

*

(רנ"ב; ווי קומט עס אז אין די סידורים דארטן איז אריינגעדרוקט אן אנדערע ויהא רעוא?) אין די סידורים שטייט 'האדרת והאמונה', און ס'שטייט נישט 'ברוך שמך', (רנ"ב; אונזערע לייט פלעגן זאגן ברוך שמך?), נישט נאר אונזערע לייט, אין גאנץ אוקריינא זאגט מען 'ברוך שמך'!

(רלוי"צ מזמר התנועות של ר' סענדר על 'ויהא רעוא', נמצא בטעיפ אחר שעה ו28 מינוט).

ס'איז ר' סענדר'ס א תנועה! (רנ"ב מזמר איך היה מתפללים אנ"ש בירושלים על תנועה זה) אזוי האבן זיי געדאוונט?! (רנ"ב; יא דער גאנצער דאווענען!) ווער? (רבי שמואל שפירא, רבי מרדכי אלעזר רובינשטיין, רבי אברהם שטערנהארץ - ער איז יענע מאל שוין געקומען מיט א שטעקן!).

(רנ"ב מספר; רבי שמואל - איך געדענק - מען האט געדאווענט ותיקין, נאכן דאווענען, זעצט ער זיך אוועק דארט אויפ'ן באנק, און בייגט זיך איבער דער טלית, און הייבט אן הודו לה' קראו בשמו און געדאווענט, עס האט געדויערט מסתמא א שעה, צוויי, אפשר. נאך אונזער דאווענען, ער איז אויך דארט געוועןביים דאווענען, קען זיין ער האט געזאגט קרבנות פריער און ער האט נישט אנגעיאגט, נאכדעם האט ער געדאווענט אפאר שעה. איך געדענק - נאכדעם איך בין געקומען אין שוהל נאכאמאל האט ער נאך געהאלטן אין איין דאווענען, געדאווענט געשמאק מיט דעם ניגון. ער האט געשריגן קולות, אבער מיט א ניגון). יא יא, דאס איז די תנועות פון רבי סנדר'ן!

יא, נו! קומט דאך אויס אז שמואל האט געדאווענט, דארפן מיר דאך אויך דאווענען!

(רנ"ב מספר; איינמאל געדענק איך אין מירון א שבת תשובה, איך בין געווען נאך די חתונה, האבן ר' שמואל שפירא, מיט ר' שמואל צ'צ'יק, מיט ר' אברהם יעקב, מיר צוגעשיקט צום עמוד, האבן זיי געמאכט קולות, און איך האב געמוזט אויך שרייען, אלס חזן האב איך געדארפט זיי איבערשרייען, יענמאלט האב איך זיך איבערגעריסן, ממש איבערגעריסן, פון עזרת ביז גאל ישראל האט געדויערט א האלבע שעה...)

*

ס'איז געווען אמאל א יום כיפור, האט זיך מיר פארגליסט צוצישיקן ברוך'ן[פ] צום עמוד, הודו. איך האב פארגעסן גראדע אז ס'איז יום כיפור - אז דער טאג איז נישט מספיק, און ברוך האט געהאט זיין חברייא, רבי הערש לייב (- ליפל), מיט רבי יענקל זיטאמער, מיט לייבל'ע, און זיי האבן געצויגן אלע גלייכע ווערטער,ווארט ביי ווארט, אלע - מיט א התעוררות.

אוי! געוואלד! ס'איז שוין שפעט, און דער שחרית איז שוין שפעט, וואס האסטו געטוהן? ווען וועט ער אויסלאזן?! (כך טענו הציבור באומאן). דו וועסט נישט ענדיגן

[פ] עי' שיש"ק ד' תי"א: רַבִּי בָּרוּךְ חֲתַן רַבִּי גֶּעצִיל ז"ל, הַמְפוּרְסָם בְּכִנּוּיוֹ רבי ברוך געצי'ס. הָיָה עוֹבֵד ה' מֻפְלָג בְּמַעֲלָה מְאֹד, וּבְהִתְעוֹרְרוּתוֹ הַגְּדוֹלָה הָיָה יוֹצֵא לְהִתְבּוֹדְדוּת מִחוּץ לָעִיר לְמֶשֶׁךְ לַיְלָה שָׁלֵם, בְּלֵיל חָרְפֵּי קַר וָעַז, וּבַחֲזָרָתוֹ אַחַר כָּךְ הָיָה נֶעֱמַד לְהִתְפַּלֵּל בְּכֹחוֹת וּבְקוֹלוֹת מֶשֶׁךְ כַּמָּה שָׁעוֹת רְצוּפוֹת ...

דעם טאג, מען האט זיך נישט אפגערוהט קיין רגע, גלייך געגאנגען די בעלי תפלות, גלייך גלייך, דארטן האט מען נישט פארקויפט קיין עליות!

ביז המלך האט ער געדאווענט, המלך האט מען שוין געדארפט האלטן ביי הויכע שמונה עשרה, און ער האלט נאך ביי המלך, ס'איז געוואלדיג געווען, מען האט געשריגן גוואלד - אבער מער נישט! איינמאל געמאכט מער - דאס אזעלכע (עבודות) - גיי אין וואלד אריין! דא קען עס נישט זיין... (כך אמרו הציבור).

זיי האבן געדאווענט, זיי האבן געדאווענט, זיי האבן געדאווענט, זיי האבן געדאווענט מיט אלע כוחות, מיט אלע כוחות געדאווענט, אריינגעלייגט ממש אלע כוחות, אוועקגעגאנגען פארשוויצט, אזוי מיט אלע כוחות!

דער רבי זאגט מ'זאל ארייןלייגן 'כל כחו באותיות התפלה',[פא] - דארטן האט מען דאס געזעהן!

אה! דאס איז געווען א דאווענען, א דאווענען - -

---

[פא] תו' ז' בתחילתו; ... כִּי עִקַּר הַחִיּוּת מְקַבְּלִין מֵהַתְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים מ"ב) תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי". וּבִשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל בְּכָל כֹּחוֹ, כִּי כְּשֶׁמִּתְפַּלֵּל בְּכָל כֹּחוֹ וּמַכְנִיס כֹּחוֹ בְּאוֹתִיּוֹת הַתְּפִלָּה, אֲזַי נִתְחַדֵּשׁ כֹּחוֹ שָׁם...

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **מנחם לאנדעסמאן** הי"ו
בית שמש יצ"ו
**לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב**

מוה"ר **יעקב בריינעס** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת נשואי בנו החתן כמר יוסף הי"ו**
ומחותנו
מוה"ר **רפאל אהרן קנאפלער** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו

מוה"ר **ליפא פאגעל** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת נכדו למזל טוב**

מוה"ר **דניאל בערגשטיין** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת נשואי בתו למזל טוב**

מוה"ר **נפתלי שווארץ** הי"ו
בארא פארק יצ"ו
**לרגל נשואי בנו החתן כמר יוסף זכרי' הי"ו**
ומחותנו
מוה"ר **יעקב נתן ליכטער** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו

מוה"ר **ראובן ווייס** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחות נישואי ואירוסי בנותיו**
למזל טוב

לזכות **אברהם בן רבקה הענא** לרפואה שלימה בתושח"י
**נדבת חבריו שיחיו**

מוה"ר **אביגדור מערמלשטיין** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
**לרגל אירוסי בנו החתן כמר נחמן שלמה הי"ו**
ומחותנו
מוה"ר **אפרים רובין** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו

מוה"ר **ברוך לאבין** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל שמחת נישואי אחיו **החתן כמר יהושע מרדכי אלעזר** למזל טוב

מוה"ר **ליפא לעווי** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **משה אהרן שטויבער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת אירוסי בנו החתן כמר שלמה הי"ו**
ומחותנו
מוה"ר **יואל** (ב"ר יחזקאל) **פריעדמאן** הי"ו
קרית יואל יצ"ו

מוה"ר **יואל יצחק פישער** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**